יודען געדענקט! דער קאמף געגען רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד – דויערט

№ 13 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem NAJER FOLKSBLAT (פערצענטער יאהרגאנג) פרייז 15 גראשען טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע–זעה 9. זייט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

Łódź, Sroda, 15 stycznia 1936 | אדרעס: לאדז, פעטריקאווער 21 טעל. 224-71 Adres: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 106. | לאדז, מיטוואך פ' שמות כ' טבת תרצ"ו


# אויספארשונגס-קאמיסיע קיין אביסיניען

## מוסאליני איז מסכים. – לאוואל וויל, אז בעלגיען זאל שטעלען דעם פארשלאג איז גענף

## ווייטערדיגע מפלות פון די איטאליענער

לאנדאן, 14 (ספ. טעל.)

„מארנינג פאסט" האלט, אז די נעכטיגע זיצונג ...ן קאמיטעט פאר נאציאנאלער פערטיידיגונג ביים ...יניסטערן-ראט איז געווען געווידמעט דער אל-...מיינער מיליטערישער סיטואציע פון ענגלאנד, ...ארגען וועט פארקומען א זיצונג פון קאבינעט.

דער „דיילי טעלעגראף" האלט, אז מוסאליני ...אט געגעבען צו פערשטעהן, אז ער וועט מסכים ...ין אויף ארויסצושיקען אנ'אויספארשונגס-קאמי-...יע פון דער פעלקער-ליגע קיין אביסיניען. די קא-...יסיע זאל פארשען די מעטאדען פון מלחמה-פיה-...ונג. די איטאליענער האבען אויך געשטעלט א בעד-...ינג, אז די קאמיסיע זאל אונפארטייאיש פארשען ...פאליטישע לאגע אין לאנד. דער פרעמיער לאוואל ...ויסנוצענדיג די נאכגיביגע שטעלונג פון מוסאליני ...אט טעפרובט צו בעוועגען דעם בעלגישען פרע-...יער וואן – זעעלאנד ארויסצוטרעטען אין זשענעווע ...איניציאטיוו ארויסצושיקען אנ'אויספארשונגסקא-...מיסיע קיין אביסיניען.

### איטאליענער מאביליזירען די איינ-געבוירענע אין עריטרעא.

לאנדאן, 14 (ספ. טעל.)

די מלחמה-קארעספאנדענטען טעלעגראפירען פון אסמארא די סענסאציאנעלע ידיעה, אז דער מארשאל באדאליא האט פעראָרדענט אנ'אלגעמיי-נע מאביליזאציע צווישען דער איינגעבוירענער בע-פעלקערונג פון עריטרעא. אין פערלויף פון 3 טעג דארפען זיך אלע מאנסבילען אין עלטער פון 15 ביז 75 יאהר שטעלען צו דער מיליטער-מאכט, וואו זיי וועלען אונטערזוכט ווערען דורך דאקטוי-רים, די געזונדע וועלען באלד געשיקט ווערען אין די פולקען פון די אסקירען. די אונפעהיגע וועלען געהען אין די ארבייטער - באטאליאנען צופיהרען וועגען אויף די טעריטאריעס, וועלכע זענען בעזעצט דורך די איטאליענער.

לויט דער מיינונג פון די קארעספאנדענטען בעווייזט די פלוצלינגע מאביליזאציע, אז די לאגע פון די איטאליענער אויף די אביסינישע פראנטען איז א זעהר קריטישע, מיט א קורצער צייט צוריק האט דער מארשאל באדאליא פערלאנגט פון מוסאליני'ן איהם צו שיקען 200 טויזענד מענשען, כדי ער זאל קענען אדורכפיהרען אנ'ערפאלגרייכע אפענסיווע. צוצושי-קען אזא גרויסע צאהל מיליטער פון איטאליען איז איצט נישט מעגליך סיי צוליב פאליטישע און סיי צוליב טעכנישע מאטיווען, דעריבער האט מען זיך רעצידירט אויף א מאביליזאציע פון דער איינגעזעסענער בעפעלקערונג, מ'נעמט נאך אין אכט, וואס די איינגעבוירענע פערטראגען אויסגעצייכענט דעם קלימאט, בעת די איטאליענער קענען איהם נישט פערטראגען.

### שווערע מפלות פון די איטאליענער.

לאנדאן, 14 (ספ. טעל.)

די לאנדאנער צייטונגען שרייבען, אז אויס מורא אז די אביסיניער זאלען נישט איבערשניידען די אי-טאליענישע קאמוניקאציע - ליניעס נעמען מאקאלע צהען זיי זיך צוריק אין דער ריכטונג פון באוטו מאסאאבו. אבער אויך דא זענען די איטאליענער ארומגערינגעלט געווארען פון 2 זייטען דורך די אפ-טיילונגען פון מיליטער פון דאס-סעיום און ראס קאסא. די פאזיציעס, וואס די אביסיניער האבען לעצטענס פערנומען, שניידען איבער די דירעקטע קאמוניקאציע צווישען אקסום, אדווא און מאקאלע.

אין נאוואן פון טעמביען קומען יעדען טאג פאר שווערע קאמפען די איטאליענער ציהען זיך צוריק.

אין די הענד פון אביסינישען מיליטער זענען אריינגעפאלען גרויסע זאפאסען לעבענסמיטעל, צווישען דעם 10.000 זעק רייז און מעהל.

לאנדאן, 14 (ספ. טעל.)

דער נעגוס האט פערעפענטליכט א מאביליזא-ציע אין דער הרום-פראווינץ, כדי די ארמעע פון ראס דעסטא זאל וואס שנעלער בעקומען פערשטאר-קונגען.

### וועגען דער באמבארדירונג פון די אמבולאנסען.

לאנדאן, 14 (ספ. טעל.)

דער פארשטעהער פון אינטערנאציאנאלען רויי-טען-קרייץ איז צוריקגעקומען פון אנ'אינספעקציע-רייזע קיין אדיס-אבעבא. ד"ר זשונא, ער האט ער-קלערט, אז די איטאליענער האבען באמבארדירט דעם אמבולאנס פון שוועדישען רויטען קרייץ מיט דער גאנצער בעוואוסטזיניגקייט. די אינטערנאציא-נאלע פערוואלטונג פון רויטען קרייץ אין גענף האט בעשלאסען ארויסצוציהען אלע אמבולאנסען פון אבי-סיניען אויב איטאליען וועט נישט אויספיהרען די אינטערנאציאנאלע פערפליכטונגען.

אדיס-אבעבא, 14 (ספ. טעל.)

די איטאליענישע אעראפלאנען האבען באמבאר-דירט אין אגארען די שטאט אנעלע, קיין מענשליכע קרבנות זענען נישט געווען, ווייל די בעפעלקערונג איז אנטלאפען אין די פעלדער.

## טאג-טעגליך

### בודזשעטען

מיר זענען אריינגעטרעטען אין פעריאד פון פעסטשטעלען און בעשטעטיגען נישט נאר דעם בוד-זשעט פון דער מלוכה, נאר אויך די בודזשעטען פון די זעלבסטפערוואלטונגען. אויך אונזער שטאט לאדז שטעהט ערב דעם פעסטשטעלען פון דעם בודזשעט אויפ'ן קומענדיגען יאהר.

וועגען דער בערייטונג פון גוטע און רעאלע זעלבסטפערוואלטונגס - בודזשעטען פאר דער אל-געמיינער עפענטליכער ווירטשאפט, דארף מען קיי-נעם נישט איבערצייגען. מיר ווייסען אויך פון דער דעקלאראציע פון וויצע-פרעמיער קוויאטקאווסקי, ווי אויך פון די ארבייטען פון דער בודזשעט-קא-מיסיע ביים סיים, אין וועלכער ריכטונג ס'ווערען געפיהרט די ארבייטען, אז דער מלוכה-בודזשעט אויפ'ן יאהר 1936-37 זאל זיין א גוטער און רעא-לער, דאגעגען ווייסען מיר ווייניגער ווי אזוי די דאזיגע ארבייטען ווערען געפיהרט אין די זעלבסט-פערוואלטונגס-פערבאנדען.

ס'איז קלאר, אז די זעלבסטפערוואלטונגען האבען בעקומען אינסטרוקציעס, אז זיי זאלען קאאר-דינירען זייער פאליטיק בעת דער בודזשעט-אויס-ארבייטונג מיט דער נייער ווירטשאפטליכער פא-ליטיק פון דער רעגירונג. אלזא אפשפארונג און ציל-בעוואוסטקייט ביים גלייכצייטיגען נישט איבערלאס-טען די בעפעלקערונג מיט נייע שטייערן.

לויט די דאזיגע אינסטרוקציעס וועלען די זעלבסטפערוואלטונגען מוזען רעגולירען זייער אד-מיניסטראטיווער פערזאנאלע און רעפרעזענטאטיווע אויסגאבען און אויסבעסערן די ווירטשאפט און די שטאטישע אונטערנעהמונגען. ווייטער האנדעלט זיך אין די איצטיגע בודזשעטען וועגען דעם, אז ס'זא-לען פערקלענערט ווערען די אפצאהלען אויף די גע-ביטען, וואו די זעלבסטפערוואלטונג האט א דעה ווי: עלעקטרישער שטראם, טראמוואיען, גאז א.א.ז.וו.

ווייטער דארפען קודם כל פערקלענערט ווערען אלערליי אפצאהלען פאר קליינהענדלער און האנד-ווערקער און דאס אין הסכם מיט די נייע פלענער אויסצוהאלטען יעדע ארבייטס - פלאצובקע און יע-דע ווירטשאפטליכע אונטערנעהמונג, כדי איינע פון זיי זאל זיך נישט דארפען ליקווידירען.

דאס זענען די הויפט-אויפגאבען, דערביי דאר-פען אבער די זעלבסטפערוואלטונגען, און בעזונ-דערס די לאדזשער, געדענקען וועגען דעם, אז די דריי הויפט-אפטיילונגען פון דער שטאט-פערוואלטונג געזונדהייט, סאציאלע שוץ און בילדונג טאר נישט גערירט ווערען און דאס צוליב דער גרויסער נויט וואס הערשט צווישען דער ארבייטסלאזער- און פרנסהלאזער בעפעלקערונג אין שטאט.

י.

## צו אונזערע לעזער!


פרייטאג הויבט זיך אן דרוקען אין

„נייעם פאלקסבלאט"

א ליטערארישער-קינסטלערישער ראמאן

פון בעריהמטען יודישען שריפטשטעלער און דיכטער

ל. מלאך

„נייער פאלקסבלאט" האט די איינציגע רעכט צו דרוקען אין לאדז די ליטערארישע ארבייטען פון דיכטער ל. מלאך, וועלכער איז אין זיין שרייבען קינסטלעריש, אריגינעל און אייגענארטיג.


## ווידער אוואנטורעס אין ווארשאווער אוניווערזיטעט.

### ענדעקעס פערלאנגען, אז די יודישע סטודענטען זאלען זיך אוועקזעצען בעזונדער

ווארשא, 14 (טעלעפאניש)

היינט זענען ווידער פארגעקומען אוואנטורעס אין ווארשאווער אוניווערזיטעט, פאר די לעקציעס האבען די ענדעקישע סטודענטען געמאכט פערשידע-נע אויסגעשרייען און פערלאנגט, אז די יודען זא-לען זיך זעצען בעזונדער, די סאנאציע, סאציאליסטען און יודישע סטודענטען האבען געענטפערט און כ'איז געקומען צו אוואנטורעס, אין עטליכע זאלען האבען די לימודים געמוזט איבערגעריסען ווערען.

## געגען די נייע עליה-בעגרענצונגען

### שארפע ארטיקלען אין דער העברעאישער פרעסע

ירושלים, 14 (יט"א טעלעגראפיש)

די גאנצע היינטיגע העברעאישע פרעסע פער-עפענטליכט שארפע ארטיקלען וועגען די עליה-בעגרענצונגען וואס די רעגירונג האט בדעה איינ-צופיהרען, ווי העכערען דעם קאפיטאל-מינימום, בעגרענצען די טערמינען פון אויסנוצען די סערטי-פיקאטען און העכערען דעם דעפאזיט פון טוריסט'ע. די פרעסע קריטיקירט שארף די רעגירונג, און ווייזט אן, אז ס'זענען דא סמנים, וואס זאגען עדות, אז די רעגירונג האט טאקע אזעלכע פלענער.

## טאכטער פון א רייכען אינדוסטריעלער בעשולדיגט אין קאמוניזם

### פראנטשישקא אייגער פאר'ן געריכט

ווארשא, 14 (טעלעפאניש)

היינט האט זיך אין ווארשא אנגעהויבען א גרויסער קאמוניסטישער פראצעס פון 7 פערזאן, אלס הויפט-אנגעקלאגטע פיגורירט פראנטשישקא אייגער א טאכטער פון א רייכען אינדוסטריעלער, וועלכע איז שוין עטליכע מאל געווען פערמשפט פאר קאמוניזם, זי איז אנ'אייניקעל פון דעם בע-ריהמטען ר' עקיבא אייגער.

## אונזער ווארט

### פון זאגען ביז טוען?

ד"ר סטיפען ווייז איז געווען ביים פרעזידענט רוזוועלט און איהם פארגעשטעלט א רייה אקטועלע יודישע ענינים.

דער פרעזידענט רוזוועלט האט געפונען פאר זיך א ביסעל צייט, כדי אויפצונעהמען דעם ד"ר סטי-פען ווייז און מיט איהם רעדען וועגען די דאזיגע יודישע עניינים, אבער... נאר רעדען, ווייל די רעפע-רעשען דערצעהלען אונז נישט וועגען קיין שום קאנ-קרעטען אויסגאנג פון דער וויכטיגער קאנפערענץ צווישען ד"ר סטיפען ווייז און פרעזידענט רוזוועלט.

און מיר האבען שטענדיג געהאפט, אז עס וועט זיין אנדערש, אמת, מיר זענען געוואוינט, אז זעהר פיל הויכגעשטעלטע און איינפלוסרייכע פערזענליכ-קייטען זאלען אויפנעהמען יודישע דעלעגאציעס, זיי אויפמערקזאם אויסהערען, זיך אינטערעסירען מיט די אנגעזעהענסטע יודישע פראבלעמען, בעוואונ-דערן דאס יודישע אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל און... ווינשען אלדאס גוטס.

מיר האבען געהאט די האפנונג, אז אין אמע-ריקא וועט דאס אנדערש געשעהן, נישט אזוי ווי אין אנדערע אייראפעאישע לענדער, מיר האבען גע-האפט, אז אמעריקא וועט אין פערלויף פון קנאפע 3 יאהר נישט קענען זיך גלייכגילטיג צוקוקען צו דעם אלעם, וואס קומט פאר אין נאצי-דייטשלאנד, אויב אמעריקא וועט זיך אפילו נישט אריינמישען אין די „אינערליכע" אנגעלעגענהייטען פון א לאנד, ווי ס'זאגען די דיפלאמאטישע אפמאכען און גע-וואוינהייטען וועט זי אבער פרובען זאגען איהר שטארק פראטעסט-ווארט געגען דעם אלעם, וואס ווערט דארט געטון, דאס איז נישט געשעהן ביז היינט. רוזוועלט איז געווען פערנומען מיט די ווירט-שאפטליכע פראבלעמען פון אמעריקא, רוזוועלט האט נישט געוואלט און נישט געקענט זיך פער-נעהמען מיט דעם יודישען ענין, אזוי גוט ווי דאס האבען נישט געטון די קעפ פון אנדערע מלוכות, הגם פון אמעריקא איז שטענדיג געקומען די איני-ציאטיוו אין אזעלכע ענינים.

און ערשט איצט איז סטיפען ווייז אוועק צו רוזוועלט'ן, כדי איהם צו דערצעהלען וועגען די יו-דישע צרות, וועגען די יודישע אונגעהויערע ליידען און וועגען דעם יודישען אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל.

און געשעהן איז דאס זעלבע וואס אומעטום, רוזוועלט האט בעוואונדערט די יודישע ארבייט אין ארץ ישראל, ער האט געגעבען עצות אין דער הינ-זיכט, אבער קיין שום פליכטען האט ער אויף זיך נישט גענומען.

מיט א האהר נישט אנדערש ווי אין אנ'אנדער ארט, דאס הייסט, אז פאר יודען איז מיט איין ער-טווישונג מעהר.

ב

# געשעהענישן אויפ'ן ווייטן מזרח

## יאַפּאַן פאַרנעהמט כסדר נייע כינעזישע פּראָווינצן

טאָקיאָ, 14 (ספּ. טעל.)
ווי עס מעלדעט די צייטונג „ניטשי־ניטשי" האָט איינער פון די אָנגעזעהענע יאַפּאַנישע פּאָלי־טיקער אַ געשפּרעך מיט דעם כינעזישן פּרע־מיער אָנגעוויזן אויף דער נויטיגקייט צו שליסן אַ מיליטערישן בונד צווישן יאַפּאַן און כינאַ.

לאָנדאָן, 14 (ספּ. טעל.)
די אויטאָנאָמישע אָרדנונג אין צפון־כינאַ האָט נישט ערפילט די האָפנונגען, דעריבער שטרעבט די בעפעלקערונג צו פולשטענדיגער אומאָפּהענגיגקייט פון נאַנקין. מ'דאַרף זיך ריכטן דערויף, אַז אין חודש מערץ וועט זיך צפון־כינאַ אָפּרייסן פון איבּ־ריגען כינאַ און דער קייזער פּואי וועט צוריקקעה־רען אויפ'ן טראָן פון זיינע עלטערן.

לאָנדאָן 14 (ספּ. טעל.)
פון שאַנכאַי מעלדעט מען: די יאַפּאַנישע אָפּ־טיילונגען האָבען פאַרנומען די שטאָט וואָנטרסילאָן אין דער פּראָווינץ טשאַהאַר, וועלכע איז פאַרבונדן מיט אַ באַהן־ליניע מיט פּעקין.

שאַנכאַי, 14 (ספּ. טעל.)
דאָס יאַפּאַנישע מאַנדזשוריש מיליטער האָט פאַרנומען 12 פּאָוויאַטן אין דער פּראָווינץ טשאַ־האַר, אויפ'ן גאַנצן פאַרנומענעם שטח ווערט בע־זייטיגט די כינעזישע אַדמיניסטראַציע, די פּאָסט־אַמטען געפינען זיך אויך אין די הענט פון די אָקו־פּאַנטען און זיינען דערוויל נישט טעטיג.

לאָנדאָן, 14 (ספּ. טעל.)
פון טאָקיאָ מעלדעט מען: די פּאָזיציע פון אָקאַ־דאָס קאַבינעט וואַקעלט זיך, ווי עס מעלדעט די צייטונג „קאָלמין" וועלן די מיליטערישע קרייזן פאָדערן די דעמיסיע פון אָקאַדאָס קאַבינעט.

### 22 ראַדיאָ־סטאַציעס פאַר אַגיטאַציע
### ווערן געשאַפן אין רוסלאַנד

מאָסקווע, 14 (ספּ. טעל.)
אויף דער זיצונג פון „ראַדיאָ־בילדונג" אונטערן פאָרזיץ פון דימיטראָוון, איז אויסגעאַרבייט געוואָ־רען אַ פּלאַן פון דער טעטיגקייט פון די אַגיטאַציע־ראַדיאָ־סטאַציעס, ס'איז בעשלאָסן געוואָרען צו שאַפן 22 ראַדיאָ־סטאַציעס, 5 אויף סיביר וועלען פיהרען די אַגיטאַציע־אַרבייט אין יאַפּאַן, כינאַ, אינדיען און אויסטראַליען, 15 אַנדערע סטאַציעס וועלען אַרבייטן פאַר אייראָפּאַ. ספּעציעלע קורץ־כוואַליעדיגע סטאַציעס וועלן אַרבייטן פאַר אַמעריקאַ.

### די דייטשע זענען שטאַרק אונצופרידן
### פון דעם ענגליש־פראַנצויזישן מיליטער־אָפּמאַך

לאָנדאָן, 14 (ספּ. טעל.)
דער „דיילי טעלעגראַף" רעדט אַרום די פראַנ־צויזיש־ענגלישע אונטערהאַנדלונגען וועגען גע־גענזייטיגער הילף אויפ'ן מיטעללענדישען ים.
די דייטשע קרייזן האַלטען די דאָזיגע אונטער־האַנדלונגען אַלס בעגרענצונג פון די לאָקאַרנער אָפּמאַכען.
ס'איז פאַרשטענדליך, אַז אויב דער ענגלישער פלאָט וועט אַטאַקירט ווערען דורך די איטאַליענער וועט פראַנקרייך אויטאָמאַטיש מוזען העלפן ענג־לאַנד.

—※—

**טייל דיך מיט אַן אָרימען הונגעריגען,**
**און דו וועסט פאַרקלענערן די נויט!**
**העלף די אָרימסטע!**

### בודזשעט פון קריגס־מיניסטעריום
### אין דער בודזשעט־קאָמיסיע פון סיים

וואַרשאַ, 14 (טעלעפאָניש)
אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער בודזשעט קאָמיסיע איז מען צוגעטרעטען צו בעטראַכטען דעם בודזשעט פון קריגס־מיניסטעריום, דעם רעפעראַט האָט געהאַלטען דעפּ. דוך, ער האָט געזאָגט, אַז אונזער מיליטער־בודזשעט איז נישט פּראָפּאָרציאָ־נעל צו אַלע לענדער וואו ס'לאָזט זיך בעמערקען אַ געוויסע פון בעוואָפנונג, דעפּ. דוך האָט געווידמעט אַ בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט די אינטעלעקטועלע ערציהונג פון זעלנער אין מיליטער און דאָס בעקעמפן דעם אַנאַלפאַבעטיזם.
נאָכ'ן רעפעראַט פון דעפּ. דוך איז די קאָ־מיסיע אין גאַנצן צוזאַמענשטעל צוזאַמען מיט'ן קריגס־מיניסטער גענ. קאַספּשיצקי און וויצע־מי־ניסטער גענ. סקלאַדקאָווסקי אַוועק מיט אויטאָס אין די מלוכה'שע אינזשינעריע־פאַבריקן, כדי צו בע־זוכען די אויטאָ־פאַבריקען, נאָכמיטאָג איז פאָרגע־קומען די פאָרטזעצונג פון דער זיצונג, נאָך דער רעדע פון קריגס־מיניסטער איז דער בודזשעט אָנגענומען געוואָרען.

### קאָנווערסיע פון אינערליכע מלוכה'שע הלוואות

וואַרשאַ, 14 (טעלעפאָניש)
היינט וועט אין „דזשענניק אוסטאַווי" פאַרעפנט־ליכט ווערען דער דעקרעט פון מלוכה־פּרעזידענט וועגען דער קאָנווערסיע פון די אינערליכע הלוואות ס'וועלען קאָנווערטירט ווערען פאָלגענדע הל־וואות:
1) 5־פּראָצענטיגע מלוכה'שע זשעמסקע רענטע 1 סעריע;
2) 4־פּראָצענטיגע אינוועסטיציע הליאה;
3) 3־פּראָצענטיגע בוי־הליאה סעריע 1;
4) 5 און אַ האַלב פּראָצענטיגע בוי־הלואה סעריע 2;
5) 5־פּראָצענטיגע מלוכה'שע רענטע סעריע 1;
6) 6־פּראָצענטיגע אינוועסטיציע־הלוואות;
פאַר די אַלע פּאַפּירען וועט מען בעקומען 1 [?]־ליגאַציע אַזוי־גערופענע קאָנסאָלידאַציע־הלואה, די דאָלאַרובקע איז נישט קאָנווערטירט געוואָרען.

—×—

### די וואַהלען צום פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט
### זאָלען פאָרקומען דעם 22 אַדער 29 מערץ

פּאַריז, 14 (ספּ. טעל.)
אין די קולואַרען פון פּאַרלאַמענט האָט דער פּרעמיער לאַוואַל געפיהרט געשפּרעכען מיט די דעפּוטאַטען וועגען פעסטשטעלען דעם טערמין פון די כיהע וואַהלען. די וואַהלען צום פּאַרלאַמענט זאָלען פאָרקומען דעם 22 אָדער 29 מערץ.

### אַ פראַנצויזישער מיליאָנער דערשאָסען זיין פרוי און דאַן זיך אַליין

פּאַריז, 14 (ספּ. טעל.)
אין די פּאַריזער געזעלשאַפטליכע קרייזען האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם די טראַגעדיע אין דער פאַמיליע פון גרויסען אינדוסטריעלער ראַשעל, דעם בעזיצער פון קאָנצערן פון די מאַשינען־פאַבריקען אין פראַנקרייך, איינער פון די רייכסטע מענשען אין לאַנד.
ראַשעל, אַהיימקומענדיג אין זיין וואוינונג, האָט געטראָפען זיין פרוי אין די אָרימס פון אַ יונגערמאַן.
ראַשעל האָט געכאַפּט אַ רעוואָלווער דערשאָסען זיין פרוי און דאַן זיך אַליין.

### קיפּלינג געפעהרליך קראַנק

לאָנדאָן, 14 (ספּ. טעל.)
דער געזונד־צושטאַנד פון בעקאַנטען ענגלישען שרייבער קיפּלינג האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט. דער צושטאַנד איז אַ געפעהרליכער.


**Dr. med. L. Berman**
**צעגעלניאַנאַ 15. טעל. 149-07**
ספּעציעל־אַרצט פאַר מענער - שוועכע־בע־האַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג
נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָוונט.
זונטאָג פון 9—1 פאָרמיטאָג
פאַר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע־פּרייזען

Dr.
**B. Robinzon**
אינערליכע קראַנקהייטען
האָט זיך איבערגעצויגען
אויף 10 **פּאָמאָרסקאַ 10**
פראָנט, 2טער שטאָק, טעל. 131-86.
נעהמט אָן פון 6 ביז 8 אין אָוונט.

**Dr. med. H. LUBICZ**
ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און געשלעכטס־קראַנקהייטען
צעגעלניאַנאַ 7 (פריהער 43). טעלעפאָן 141-32
עמפּפאַנגס־שעה'ן 8-10, 12-2 און 5-8 אָוונט

Dr. med.
**Sadokierski**
כירורג פון ציינער און יאַסלעס
**Piotrkowska 164 tel. 114-20.**

**„תומכי־אורחים"**
פּאָמאָרסקאַ 18, טעל. 266-31
מיר טיילען מיט, דאָס אין פאַראיינס־קאַנצעלאַריע אַמטירט
**אַן אַדוואָקאַט**
יעדען מאָנטאָג און מיטוואָך פון 8 ביז 9.30 אָוונט און ערטיילט
**יורידישע עצות**
פאַר מיטגלידער, שפּענדער פון אונזער אינסטיטוציע און פאַר אונפאַרמעגליכע—
גענצליך אומזיסט.
אַ מינימאַלן אָפּצאָהל ווערט גענומען פאַר דורכפיהרען ספּראַוועס.
נומערן צום אַדוואָקאַט ווערען אַרויסגעגעבען פון 5—7 אָוונט.
די פערוואַלטונג.

**אַכטונג**
**צייטונגס - פערקויפער!**
די סעקציע צייטונגס = פערקויפער ביים קליינהענדלער־פאַראיין (פריהייטס־פּלאַץ 3) מאַכט בעקאַנט די מיטגלידער, אַז היינט, דעם 15־טען יאַנואַר ד. י. זאָל יעדער קומען אָפּנעהמען די טעלאָנען אויף קוילען און האָלץ פון 8 ביז 9 אָוונד.
די פערוואַלטונג.
בעמ.: מ'בעט אַליין צו קומען.

**Dr. I. SILBERSTROM**
**Kilińskiego 127**
ספּעציאַל־אַרצט פאַר הויט. ווענערישע און געשלעכטס־קראַנקהייטען
קוואַרץ־לאַמפּ, — ראַדיקאַלע בעזייטיגונג פון איבעריגע האָר.
נעהמט אָן פון 4—8 אָוונד.

Dr.
**Wajnberg**
ספּעציאַליסט פאַר לונגען, האַרץ־ און סקלעראָז קראַנקהייטען
**פּיעטריקאָווער 145**
טעל. 126-02.
נעמט אָן פון 9-10 פריה, 3-5, 8-9 אָוו.

**Dr. med. FELDMAN**
אַקושעריע און פרויען - קראַנקהייטען
נעהמט אָן פון 11—1
אויף **זגערזשער 24,**
פראָנט 1טער שטאָק, פּריוואַט־וואוינונג
**KILINSKIEGO 113, tel. 155-77**

**אונזער מיטגעפיהל דעם חבר**
**יוסף פריימאַן**
צילייב'ן טויט פון זיין טאָכטער
**מאַליע נ"ע**
דריקט אויס די פערוואַלטונג פון צייטונגס־פערקויפער
פון פּאָמאָרסקאַ 15.

**גערעכנקט, שטשעשליווי**
ביי
אַ גרויסער אויסוואַהל פון
**אָריגינעלע בילליגער און טאָמאַשאָווער סחורות**
**אויף אַנציגער און פּאַלטענס**
פון די בעסטע קוואַליטעטען ווי אויך פאַרשידענע רעשטען
**מיט 30% ביליגער**
קומט און איבערצייגט אייך!
**R. Szczęśliwy**
**לאָדז, 5 נאָוואָמיעסקאַ 5**
טעל. 156-09.
נעדענקט פראָנט II שטאָק.

**הסתדרות „מזרחי" בלודז, זאַכאָדניאַ 63**
היינט, מיטוואָך, כ' טבת, פּינקטליך 8 אָוונד וועט דער פּרעזידענט פון דער אַלוועלטליכער „מזרחי"־אָרגאַניזאַציע
**הרב זאב גאלד שליט"א**
(פון ירושלים)
האַלטען אַ רעפעראַט אין דער **ווילקער שוהל**
(זאַכאָדניאַ 56 א. ד. ט.
**„דער אַנטייל פון רעליגיעזען יודענטום אינ'ם אויפבוי פון ארץ־ישראל"**
בעמ. פאַר פרויען וועט זיין אָפען דער עזרת נשים.

**Dr.**
**ד"ר הערלער**
**פאַר גאָרד,**
**בוישוטעריע**
און לאָמבאַרד־קוויטעס
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
**אַלזיראַר פּיאַלקאַ**
פּיעטריקאָווער 7.

**ד"ר העלער**
ספּעצ. פאַר הויט און וועגערישע קראַנקהייטען און מענער - שוועכע
**8 טראַוגוטאַ 8**, טעל. 179-89
נעהמט אָן פון 8-11 און פון 4-8 אין אָוונד
זונטאָג פון 10—2 מיטאָג.
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע־זאַל.
אונבעמיטעלטע— לעטשניצע פּרייזען.

**Dr. med. Niewiażski**
ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט - קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער - שוועכע
**אַנדזשעיאַ 5**, טעל. 159-40
פראָנט, 1טער שטאָק
נעהמט אָן פון 8-11 און פון 5-9 אָוונט
זונטאָג און יום טוב פון 9-1 נאָכמיטאָג.
ספּעציעלער וואַרטע - זאַל פאַר פרויען

**Dr. med. LEON FAMILIER**
אינערליכע און קינדער - קראַנקהייטען
**שערפּיען 37 (בענעדיקטאַ 6.**
נעהמט אָן פון 5—7 נאָכמ.

**אויערן, נאָז און האַלז קליניק**
מיט בעטען פון Dr.
**Z. Rakowski**
פּיעטריקאָווער 67. טעל. 127-81
נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוועק אָפּעראַציע א. אז. וו. ווי אויך אַמבולאַטאָ־רישעם פון 9-2 און פון 4-8 אָוונט.

Dr. med.
**A. Banasz**
כירורג · אורלאָג
**Wólczańska 23, tel. 139-88**
האָט בעגייט די אויפנאַהמען.
נעהמט אָן פון 4—6 נאָכמיטאָג.

**וואָס יעדער סוחר און האַנדווערקער דאַרף וויסן!**
אַז שעהנע דרוק - אַרבייט הייבט דעם אימפּולס פון געשעפט.
און דעריבער איילט צו בעשטעלען אייערע דרוק־אַרבייט אין דער בעוואוסטער שנעל־דרוקעריי
**בראַמבערג**
**צעגעלניאַנאַ 8 פראָנט**
טעל. 255-09
בריפּבויגען, קאָנווערטען, רעכנונגען, צירקולערן, עטיקעטען, חתונה־קאַרטען, קאָמפּטואַר־טיש
ביליג | רעעל | עסטעטיש
אַכטונג, שניידער־מייסטער!
בעזיץ אויף לאַגער מאָס־ביכער!

**ווענעראָלאָגישעס אַמבולאַטאָריום**
**מענער־שוועכע**
לעטשניצע זגערזשער 17
פון 12—2.

# געגענזייטיגע הילפס-אפמאך

## געגען דייטשלאנד זאל בעשלאסען ווערען צווישען טשעכיען און עסטרייך

## ערב דער וויזיט פון קאנצלער שושניג אין פראג

בערלין, 14 (ספ. טעל.)
די דייטשע פאליטישע פאקטארען בעהאלטען ... זייער אונצופרידענקייט פון דער וויזיט, וועל... ווערט געפלאנט דורך דעם עסטרייכישען קאנ... ער שושניג קיין פראג, די דייטשע פרעסע רוקט ... די פערשידענסטע השערות וועגען דעם דא... ... וויזיט, אבער אלע צייטונגען זענען איינ... דער וויזיט איז געווענדעט געגען בערלין, „פעל... שער בעאבאכטער“ דערצעהלט, אז שושניג וועט ... ווסרוקען פאלגענדע דעזידעראטען:
1) נישט ארייננמישען זיך אין. די אינערליכע ... געלעגענהייטען פון עסטרייך, ד. ה. פרייע הענד ... די האבסבורגס, 2) אנערקענען דעם סטאטוס ...א“, 3) אפמאך פון געגענזייטיגער הילף געגען ... דייטשלאנד, 4) פולע גלייכבערעכטיגונג אין דער ... פראגע פון בעוואפנונג, 5) ענגע ווירטשאפטליכע ... צוזאמענארבייט.
די טשעכישע פאדערונגען זענען: 1) טרייהייט ... פאליטיק פון דער פעלקער-ליגע, 2) אפוואר... ... יעדע ארט רעוויזיע פון די גרעניצען, 3) געגענ... זייטיגען הילפס-אפמאך געגען דייטשלאנד.

## ... ערבערט סאמיועל — פרעזעס פון קוראטאריום

### פון רוטענבערג׳ס עלעקטריציטעט-געזעלשאפט

לאנדאן, 14 (יט״א טעלעגראפיש)
אויפ׳ן פרעזעס-אמט פון קוראטאריום פון רו... טענבערג׳ס עלעקטריציטעט-געזעלשאפט, איז אויפ׳ן ... ... פון פערשטארבענעם לארד רידינג, בעשטימט ... געווארען הערבערט סאמיועל.

## קאנסול קראז — סטאראסטא אין גרודזשאנדז

ווארשא, 14 (טעלעפאניש)
דער געוו. קאנסול אין מעה״ש-אסטרוי איז צו... רוקגעקעהרט צו דינסט אין דער אלגעמיינער אד... מיניסטראציע און האט איצט איבערגענומען דעם ... פאסטען אלס סטאראסטא אין גרודזשאנדז.

## פוילישער אמבאסאדאר ראטשינסקי

### ביים ענגלישען אויסערן-מיניסטער

לאנדאן, 14 (ספ. טעל.)
דער פוילישער אמבאסאדאר ראטשינסקי האט ... היינט בעזוכט דעם אויסערן-מיניסטער אידען און ... מיט איהם אפגעהאלטען א לענגערען געשפרעך ווע... גען אקטועלע ענינים, וואס וועלען זיך געפונען ... אויף דער טאג-ארדנונג פון דער פעלקער-ליגע... ראט-סעסיע, וועלכע הויבט זיך אן מאנטאג.

## באנדיטען צוגערויבט א זוהן פון א רייכען סוחר

האוואנא, 14 (ספ. טעל.)
דער זוהן פון בעקאנטען שפאנישען סוחר פאו... לינא גארסיטיא איז צוגערויבט געווארען נעבטען ... אינדערפריה דורך רויבער, וועלכע פערלאנגען 50 ... טויזענד דאלאר אויסקויף-געלד.

## ...געשטארבען דער פאליטעכניקום- ...ראפ טשעסלאוו פזשיבילסקי

וואַרשא, 14 (טעלעפאניש)
היינט אינדערפריה איז פלוצלונג געשטארבען ... וואהרענדיג אויף א טאקסובקע דער בעריהמטער פוי... לישער ארכיטעקט, פראפעסאר פון ווארשאווער פא... ליטעכניקום טשעסלאוו פזשיבילסקי, ער איז גע... שטארבען פון א הארץ-שלאג.

# גענעראל גערינג דראהט די דייטשע יודען...

## וואס נאצי-צייטונגען זאגען וועגען עמיגראציע-פלאן פאר דייטשע יודען

בערלין (יט״א) די „עסענער נאציאנאל-צייטונג“ — ארגאן פון פרייסישען פרעמיער גענע... ראל גערינג — בעהאנדעלט דעם ענגליש-אמעריקא... נער עמיגראציע-פלאן פאר דייטשע יודען און יוענ... דענדיג זיך צו סער הערבערט סאמיועל, זאגט די „נאציאנאל צייטונג“, אז די איצט בעטראכטע בע... מיהונגען וועגען א יודישער מאסען-עמיגראציע פון דייטשלאנד וועלען דורך דער דייטשער רעגירונג בעהאנדעלט ווערען „בלויז אויב די יודישע קאפי... טאליסטען אין אויסלאנד וועלען אויסגיבען זייער איינפלוס, אז אין דער גאנצער וועלט זאל פול... שטענדיג אפגעשטעלט ווערען דער יודישער בא... קאמף געגען דייטשלאנד“.

די צייטונג שרייבט: „פונקט ווי די נירענ... בערגער געזעצען האבען ליקווידירט די יודען-פראגע און געמאכט א סוף צו אינדיווידועלע אנטי-יודישע ארויסטרעטונגען, אזוי מוזען אויך די יודען ליקווי... דירען די אנטי-יודישע באיקאט-פראגע אין אויס... לאנד“.

„די ברעסלויער נייעסטע נאכריכטען“ בעהאנ... דעלט אויך די זעלבע פראגע און דראהען מיט דרא... סטישע מאסנאהמען געגען די יודען.

די מענשען, וואס שטעהען הינטער מאקדא... נאלד׳ן — שרייבט די צייטונג — מוזען קלאר פער... שטעהען, דאס זיינע עמפעהלונגען האבען נישט די מינדעסטע אויסזיכט גורם צו זיין אנ׳ענדערונג פון דייטשלאנד׳ס ראסען-געזעצגעבונג. פערקעהרט, די לעזונג, וואס מען שטרעבט פון אויסלאנד אויס אנצוווארפען דייטשלאנד, וועט בלויז גורם זיין, דאס עס וועט ווערען נויטיג א מעהר ראדיקאלע לעזונג פון פראבלעם. עס איז נויטיג, אז די אויס... לענדישע קרייזען, וואס שטיצען מאקדאנאלד׳ן, זא... לען זיך דערמאהנען די התראה, וואס איז קלאר און דייטליך געמאכט געווארען בעת דער פראקלא... מירונג פון די נירענבערגער געזעצען. האלטענדיג זיין איינדרוקספולע רעדע אויפ׳ן נירענבערגער קאנ... גרעס, האט דער פיהרער אויסדריקליך ערקלערט, אז די נאצי רעגירונג וועט קיינעם נישט ערלויבען ארויפצוצווינגען זיך קיין ענדערונג פון דער האל... טונג אין דער ראסען-פראגע און אויב די יודען אין דייטשלאנד און אויסלאנד וועלען פארטזעצען זייער אינטערנאציאנאלע יודישע אגיטאציע, וועט עס ווערען נויטיג צו רעווידירען דאס גאנצע פראב... לעם.

# פאר נישט אנמעלדען א פערזאמלונג

## איז א פועלי-ציון-פיהרער בעשטראפט געווארען מיט 250 זל.

ווארשא, 14 (טעלעפאניש)
דאס סטאראסטע-געריכט האט היינט פערמשפט אויף 250 זלאטיס שטראף דעם פועלי-ציוניסטישען פיהרער שכנה זאגאן, וועלכער האט נישט אנגעמאל... דען אין דער סטאראסטווע, אז אין דער ארבייטער-היים אויף קארמעליצקא 23 וועט פארקומען א פערזאמלונג.

# וועד האט געוואונען אויף דער אינוועסטיציע-הלוואה

## דריטער ציהונגס - טאג

40 — 12399 4 — 12332 41 — 12291 9 — 12106
9 — 12560 41 — 12550 26 — 12524 40 — 12435
37 — 12951 41 — 12697 9 — 12682 41 — 12614
18 — 13267 9 — 13226 30 — 13132 40 — 13371
30 — 13565 4 — 13531 4 — 13432 7 — 13354
7 — 13796 40 — 13763 37 — 13763 7 — 13643
37 — 13873 26 — 13860 30 — 13805 26 — 13803
18 — 13999 7 — 13960 26 — 13926 30 — 13909
26 — 14313 4 — 14284 6 — 14200 9 — 14088
4 — 14591 18 — 1488 9 — 14463 26 — 14372
37— 14790 4 — 14771 26 — 14741 41 — 14612
26 — 15059 4 — 14977 40 — 14915 40 — 14888
9 — 15547 9 — 15499 4 — 15253 14 — 15238
9 — 15795 47 — 15686 30 — 15661 14 — 15566
18 — 16066 37 — 16033 26 — 15897 41 — 15803
40 — 16222 41 — 16194 7 — 16089 7 — 16074
40 — 16545 7 — 16494 37 — 16482 26 — 16265
4 — 16720 40 — 16675 4 — 1657 14 — 16605
40 — 16928 4 — 16915 41 — 16858 26 — 16741
7 — 17084 18 — 17048 30 — 16947 26 — 16936
18 — 17245 40 — 17131 41 — 17117 4 — 17108
14 — 17390 37— 17532 41 — 17339 37 — 17277
18 — 17488 7 — 17479 41 — 17408 37 — 17408
40 — 17747 40 — 17677 41 — 17539 7 — 17517
18 — 17868 41— 17840 18 — 17824 7 — 17814
30 — 18148 40 — 18019 26 — 17923 26 — 17862
26 — 18313 14 — 18269 18 — 18263 4 — 18239
27 — 18978 4 — 18855 26 — 18339 7 — 18317
18 — 19191 30 — 19082 4 — 19067 9 — 19042
41 — 19376 37 — 19377 18 —19319 4 — 19274
41 — 19686 14 — 19602 26 — 09446 7 — 19390
40 — 19762 18 — 19742 26 — 19712 14 — 19690
30 19920 9 — 19917 30 — 19909 14 — 19864
41 — 20202 37 — 20073 18 — 20029 7 — 19963
26 — 20461 26 — 20412 40 — 20411 4 — 20389
30 — 20633 14 — 20549 18 — 20483 26 — 20482
26 — 20830 26 — 20779 7 — 20778 7 — 20735
26 — 20923 7 — 20915 9 — 20880 14 — 20879
7 — 21047 9 — 21029 26 — 21025 37 — 20961
37 — 21305 26 — 21802 40 — 21300 7 — 21166
37—221559 26 — 21558 40 — 21458 26 — 21443
14 — 21836 7 — 21815 40 — 21700 40 — 21684
37 — 21994 30 — 21869 40 — 21867 26 — 21857
18 — 22141 41 — 22109 30 — 22106 9 — 22033
14 — 22564 9 — 22521 30 — 22314 26 — 22173
14 — 22663 37 — 22650 26 — 22650 37 — 22618
14 — 22950 9 — 22878 41 — 22736 41 — 22713
.26 — 22995

צו 500 זל. אויף נומער : 4 — 30 68—18 145—41
26 — 306 4 — 281 14 — 200 30 — 174 4 — 156
18—417 26 — 363 30 — 357 26 — 356 37 — 352
37 — 686 40 — 662 7 — 630 9 — 506 4 — 429
7 — 853 41 — 799 26 — 799 9 — 734 30 — 722
41—1101 41 — 1008 30 — 994 7 — 983 30 — 855
4 — 1331 26 — 1243 7 — 1153 30 — 1149
41 — 1509 18 — 1481 26 — 1456 18 — 1363
26 — 1802 18 — 1722 40 — 1555 37 — 1510
—2276 40—2079 9 — 2078 26 — 2023 7 — 1899
4 — 2420 14 — 2372 41 — 2316 14 — 2292 26
26 — 2831 7 — 2602 37 — 2564 30 — 2463
41 — 3106 18 — 3078 26 — 2844 40 — 2834
14 — 3267 37 — 3245 40 — 3173 40 — 3155
14 — 3454 30 — 3369 4 — 3369 4 — 3316
—3703 26 — 667 14 — 608 18 — 3580 7 — 3578
26 — 4218 14 — 4171 4 — 4045 18 — 3774 18
30 — 4349 40 — 4347 26 — 4337 40 — 4236
4 — 4613 9 — 4541 14 — 4386 37 — 4352
9 — 4947 4 — 4936 26 — 4703 9 — 4633
37 — 4992 7 — 4992 18 — 4986 26 — 4949
—5310 41 — 5239 7 — 5189 26 — 5148 7 — 5078
18 — 5606 26 — 5598 40 — 5525 26 — 5436 41
14 — 5952 26 — 5873 9 — 5718 30 — 5689
37 — 6364 4 — 6335 18 — 6284 9 — 5960
37 — 6558 26 — 6481 14 — 463 26 — 6367
6803 4 — 6795 18 — 6759 9 — 73 14 — 6699
40—6959 26 — 6919 30 — 6863 30 — 6818 26—
18 — 7222 41 — 7131 37 — 7094 9 — 6965
4 — 481 37 — 7403 14 — 7387 26 — 7365
41 — 7684 14 — 7522 18 — 7470 37 — 7434
40 — 7961 9 — 7875 26 — 7839 9 — 7723
4 — 8199 26 — 8185 30 — 8115 40 — 8051
26 — 8421 14 — 8286 7 — 8251 9 — 8210
26 — 8077 26 — 8596 18 — 8488 40 — 8433
40 — 9082 9 — 9043 7 — 8980 37 — 8748
4 — 9197 14 — 9165 37 — 9163 18 — 9130
9794 30 — 9779 9 — 9773 4 — 4937 9 — 9329
30 — 9930 9 — 9891 7 — 9877 41 — 9868 30 —
4—10248 18 — 10110 40 — 10084 41 — 10058
14 — 10658 26 — 10649 26 — 10614 9 — 10507
41 — 10892 37 — 10769 30 —10731 30 — 10722
30 — 1272 18 — 11227 26 — 11101 30 — 10987
4 — 11536 14 — 11599 26 — 11475 41 — 11331
14 — 11852 26 — 11726 37 — 11682 14 — 11599
18 — 12104 9 — 11990 37 — 11953 26 — 11880

# ענטדעקט א געהיימע ענדע-קישע דרוקעריי

וואַרשאַ, 14 (טעלעפאניש)
אויף מארשאלקאווסקא 14 האט די פאליציי היינט ענטדעקט א געהיימע „נארא“-דרוקעריי. ס׳איז דארט איינגעארדענט געווען א מיניאטור-דרוקעריי מיט שאפיראגראפען און מ׳האט געפינען עטליכע טויזענד עקזעמפלארען פריש-אפגעדרוקס „שטא - פעטא ראבאטניטשא ווארשאווי“.
ס׳זענען ארעסטירט געווארען 4 פערזאן, צווי... שען זיי ציווי אזעלכע, וועלכע זענען שוין געווען פערמשפט פאר גאסען אונרוהען און די שטראף איז זיי אפגעלעגט געווארען.

# לאדזער נייעס

## בעזייטיגט 23 דאקטוירים

### פון דער לאדזער „אובעזפיעטשאלניע“

(א) ווי מיר דערוויסען זיך, ווערען אין דער „אובעזפיעטשאלניע“, אנשטאט מאסען-רעדוקציעס, אדורכגעפיהרט אינדיווידועלע רעדוקציעס פונ׳ם פער... סאנאל, אזוי אז דעם 1 פעברואר ה.י. זאלען בע... זייטיגט ווערען 20 אנגעשטעלטע.

חוץ מזה ווערען פון די ערשטע טעג יאנואר און דעם 1 פעברואר בעזייטיגט 23 דאקטוירים וואס ארבייטען אויף בעזונדערע פונקטען און אין די לעטשניצעס פון דער „אובעזפיעטשאלניע“.

## ארבייטער-קאמיטעט

### צו פייערן דעם הונדערט יעהריגען געבורטס-טאג פון מענדעלי מוכר ספרים

אויף דער איניציאטיוו פון דער קולטור-ליגע איז אין לאדז געשאפען געווארען, אנ׳ארבייטער-קאמיטעט צו פייערן דעם הונדערט-יעהריגען געבורטס-טאג פון מענדעלי מוכר ספרים.

אין קאמיטעט געהען אריין א חוץ דער קולטור-ליגע פארשטעהער פון ארבייטער-אינסטיטוציעס און פון די פראפ פערייניגען.

שבת, דעם 25-טען קומט פאר א גרויסע אקאדעמיע אין פילהארמאניע געווידמעט מענדעלי מוכר ספרים.

## פון דער לאדזער בערזע

| | |
|---|---|
| באנק פאלסקי - - - - | 97.50 |
| 3 פראצענטיגע בודאוולאנע - | 41.70 |
| 4 „ דאלארובקא - | 53.10 |
| 7 „ סטאבילזאציע (אמ.) | 65.75 |
| 5 „ ווארשאווער ס.-ב. 1934 | 55.25 |
| 5 „ לאדזער | 49.25 |
| ענגלישער פונט - - - | 26.19 |
| דאלאר אפיצ. — 5.28 נישט-אפיציעל — | 5.27 |
| גאלד-דאלאר — — — | 9.02 |
| גאלד-רובעל — — — — | 4.76 |
| דייטשער מארק — — — | 1.30 |
| פראנק שווייצארישע — — | 172,60 |

## ראדיא - פראגראם

מיטוואך, ד. 15-טען יאנואר

6.34 גימנאסטיק, 6.50 פליטען, 7.20 ידיעות, 7.55 אינפארמאציעס. 8 אודיציע פאר שולען, 11.57 צייט-סיגנאל, 12.03 ידיעות, 12.15 חניז - ביבליאטעק — שמועס פון פרל. וויקטאריא הארטלעב, 12.30 קאנצערט, 1.25 הויזווירטשאפט, 1.30 אונגארישע מוזיק, 3.12 לאדזער בערזע, 3.15 עקספארט, 3.30 פרעהליכע לידער, 4 אודיציע פאר קינדער, 4.20 נעגער-מוזיק, 5 דיסקוסיע 5.20 מוזיק, 5.50 אויסלענדישער הומאר, 6 טראנסמיסיע פון ווארשאווער קאנסערוואטאריום, 6.30 פעליעטאן, 6.45 פאפולערע פוילישע מוזיק, 7.20 רעקלאמע-קאנצערט, 7.35 ספארט, 7.20 אקטועלער רעפארטאזש, 8 פייערליכע ערעפנונג פון די ראדיא-סטאציע אין סאסנאוויעץ, 8.45 אווענד-ידיעות, 9 שאפינ׳ס שאפונגען, 9.35 פאעזיע, 9.50 שמועס פאר סוחרים. 10 לייכטע מוזיק, 10.30 טאנץ-מוזיק, 11 ידיעות, קאמוניקאטען.


הלאנג-קינא-טעאטער
ZACHETA
זגערזשער 26.
היינט און פאלג. טעג!
גרויסער דאפעלטער שלאגער-פראגראם!
I
די מעלארישסטע קאמעדיע
וויענער פראדוקציע א. ג.
דער הער אהן א דירה
אין די הויפטראלען:
Herman Thimig, Hilda Wolston
Paweł Hurbiger, Leo Slezak
II
שעהנער פילם-ראמאנס מיט
JOSE MOJICA אין פילם א. נ
„דאס מיידעל פון די וואלקענס“
ווי אויך די פענאמענאלע טענצערקע
ROSITA MORENO


# מאטיוון פון אורטייל אין פראצעס פאר ערמארדען א יוד אין גראדנע

מיר האבען שוין געברענגט אויספיהרליך דעם פראצעס געגען דימפערן פאר דערמארדען דעם יוד ליפסקי אין גראדנע.
דימפער איז די בעקאנט פערמשפט געווארען אויף 6 יאהר תפיסה. איצט ברענגען מיר די מאטי... פון אורטייל.

דער פארזיצער ה׳ הריניעוויטש האט דעם אורטייל מאטיווירט אזוי:
דערלאנגענדיג ליפסקין א שטארקען זעץ מיט׳ן מעסער אין הארצען, האט דימפער, אלס דערוואק... סענער מענש, געדארפט פערשטיין, אז דאס קען זיין א טויט-קלאפ.
אלס מילדערנדען אומשטאנד האט דאס געריכט וואס האט זיך געענדיגט נישט בלויז מיט ווערטער, אנגענומען דימפערס אויפגערעגטען צושטאנד נאכ׳ן צוזאמענשטויס מיט ראפאלאוויטשען און קושעסען, נאר אויך מיט פעטש. דימפער האט דאן ארויסגע... כאפט דעם מעסער, אבער דערזעהענדיג דעם פא... ליציאנט קשיזיצקי האט ער גענומען אנטלויפען.
ווען ער האט דערזעהען, אז ליפסקי און גלאז פערשטעלען איהם און ציועטקאוון דעם וועג, און ווייסענדיג אז פון הינטען לויפט דער פאליציאנט מיט א גרעסערער גרופע מענשען, האט ער אין א שטארק-אויפגערעגטען צושטאנד זיך בענוצט מיט׳ן מעסער.
די געשיכטע מיט א יודישען המון, בעוואפענט מיט שטעקענס, איז א בבא-מעשה, ווייל סיי לויט די ערקלערונגען פון פאליציאנט, סיי לויט דער אויספארשונג האט דימפערן קיינער נישט אנגערירט; ער האט נישט געהאט קיין שום גרונד זיך צו פער... טיידיגען. ווייל ער האט דאך געזעהען און גע... וואוסט, אז ס׳איז שוין פאהאן א פאליציאנט און קיין זאך דראהט איהם נישט.

אלס מילדערנדען אומשטאנד האט דאס געריכט אנגענומען זיין שכורליכען צושטאנד; דאגעגען אלס באלעסטיגענדען מאמענט דעם פאקט, וואס דימפער האט דער ערשטער א קלאפ געטון ראפאלאוויטשען און שוין צו איהם זיך געכאפט מיט׳ן מעסער און וואס ער האט אן שום גרונד מיט׳ן מעסער דערלאנגט ליפסקין, ווייסענדיג אז דאס מעסער איז א שארפער, ווייל ער האט איהם נישט לאנג פריהער אליין אנגעשארפט.

די ציוויל-תביעה איז נישט אנערקענט געווא... רען, ווייל ליפסקיס פערדינסטען זענען געווען צו קליין אויף אויסצוהאלטען זיין טאטע-מאמע.

דער פער׳משפטער דימפער, וועלכער איז די גאנצע צייט פון פראצעס געזעסען א צעציטערטער, האט דעם אורטייל אויפגענומען דווקא רוהיג.


ד״ר
R. Zalcwasser
כירורג
צעגעלניאנא 19, טעל. 125-17
נעהמט אן פון 1—2 און פון 4—6.30.

Doktór
Henrykowski
ספעציעל - ארצט פאר מענער - שוועכע -
בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג
טראוגוטא 9 טעל. 262-98
נעהמט אן פון 8—11 און פון 6—9 אווענד.
זונטאג פון 9 פריה ביז 12.30 בייטאג.

# אבן-נגף פון די פויליש-דייטשע בעציהונגען

די לעצטע יאהרען פון דער פוילישער אויסערן־פאליטיק זענען געווען הויפטזעכליך פערנומען מיטן מאנטירען די פויליש־דייטשע בעציהונגען, און געארבייט האבען דא נישט נאר פראפעסיאנעלע דיפלאמאטען, נאר אויך פערשידענע געזעלשאפטליכע און אפילו וויסענשאפטליכע פאקטארען. ס'זענען צווישען ביידע מלוכות געשלאסען געווארען א גאנצע רייה אפמאכען, ס'איז געשאפען געווארען א פויליש־דייטשער אינסטיטוט אויף צו פערטיפען די פריינדשאפט צווישען ביידע פעלקער, מ'האט איינגעארדענט רעפרעזענטאטיווע געיעגען און ס'איז עפעס דערגרייכט געווארען, אזוי האט זיך לפנים אויסגעדוכט.

דער פויליש־דייטשער אינסטיטוט אין ווארשע און דער דייטש־פוילישער אינסטיטוט אין בערלין האבען אלזא, בעצוועקט נישט קיין דיפלאמאטישע דערגרייכונגען נאר פשוט צו דערנעהנטערען ביידע פעלקער, שוין אייניגע יאהר ווי מ'ארבייט פאר דער דאזיגער דערנעהנטערונג און אט ווי אזוי די דערנעהנטערונג זעהט אויס, לויט דער דעקלאראציע פון דעם הויפט־ראט פון פערבאנד פון די פאליאקען אין דייטשלאנד.

דער הויפט־ראט שטעלט פעסט: אז „דער איצטיגער צושטאנד מוז געענדערט ווערען" — און „דאס צוזאמענלעבען פון בעזונדערע נאציאנאליטעטען אין די גרעניצען פון איין מלוכה קען זיך נאר שטיצען אויף אנ'אויפריכטיגער און אפענער אנערקענונג פון די געגענזייטיגע רעכט און פליכטען, די אפיציעלע דערקלערונגען, וואס קינדיגען אן דעם אפשטעלען די גערמאניזאציע, זענען נישט אונגעשטערט געווארען דורך אנ'ענדערונג פון די פאקטישע פערהעלטנישען, אין געגענטייל, די בעציהונג צו דער פוילישער בעפעלקערונג אין דייטשלאנד איז פערשארפט געווארען דורך א סיסטעמאטישער בעשווערונג פון דער קולטורווירונג פון דער נאציאנאלער אייגענארטיגקייט און דורך א פערמאנענטען געגענשטעלען זיך דער פעפרידיגונג פון די עלעמענטארסטע נאציאנאלע רעכט אויפן רעליגיעזען, קולטורעלען, געזעלשאפטליכען און ווירטשאפטליכען געביט."

צום סוף פון דער דעקלאראציע ווערט געזאגט אז דער הויפט־ראט וועט זיינע רעזידעראטען פארשטעלען פערזענליך דעם פיהרער פון דריטען רייך אדאלף היטלער.

* * *

דער אפיציאז — די „גאז. פאלסקא" — האט די דאזיגע דעקלאראציע אפגעדרוקט מיט א געוויסער זשענירונג, אהן קיינע שום קאמענטארען, ווייל אייגענטליך וואס האט די „גאז. פאל." געקענט צוגעבען צו דער דאזיגער דעקלאראציע, אין וועלכער ס'קומט אייגענטליך צום אויסדרוק די גאנצע עקסטערמינאציע פון דעם היינטיגען דייטשלאנד לגבי די מיטגלידער פון דער „בעפריינדעטער" נאציע — לגבי די פאליאקען, וועלכע האבען דאס „גליק" צו וואוינען אין דריטען רייך. פוילען האט אויף דעם מזבח פון דער פויליש־דייטשער „פריינדשאפט" געבראכט זעהר א סך קרבנות. זי האט ארויסגערופען צו זיך אנ'אומצופרידענע בעציהונג פון א גאנצע רייה אנדערע מלוכות. זי האט אנגעווארען א סך קאפיטאלען, וועלכע זענען אין דייטשלאנד פערפרארען געווארען, פערארזאכענדיג געוואלטיגע שאדענס פאר פוילישע בירגער. זי מאכט זיך כלא ידע וועגען די סומען וואס דייטשלאנד קומט איהר פאר טראנזיט־קאמוניקאציע; זי האט געשלאסען אנ'אומגינסטיגען האנדעלס־אפמאך מיט דייטשלאנד, און דעריבער איז שוין פערשטענדליך פארוואס די אפיציעלע פרעסע פערשוויגט אזוי די פראגע וועגען די רדיפות אויף די פאליאקען אין דייטשלאנד.

די דעקלאראציע פון דעם הויפט־ראט פון דעם פערבאנד פון פאליאקען אין דייטשלאנד בעווייזט אבער אז די בעציהונג צו די פאליאקען, דייטשע בירגער, האט זיך גארנישט געענדערט, אז דארט, וואו די איינציקלעך פון די אמאליגע „קרייד־ציגער" האבען די מאכט האלטען זיי זיך פעסט ביי די „טראדיציעס" פון די האקאטיסטען און גיבען אויך די מיטגלידער פון דער „בעפריינדעטער" נאציע צו פיהלען, אז די ליאכען זענען א מינדערווערטיגע ראסע וועלכע פערדינט נישט אז מ'זאל איהר שטעלען אויף איין הויך מיט די מיטגלידער פון דער „נארדישער" ראסע.

און אייגענטליך איז פאר אונז די דאזיגע בעציהונג פולשטענדיג א פערשטענדליכע. ס'איז א טעות צו מיינען, אז אין א לאנד, וואו ווילדע שנאה איז דערהויבען געווארען צו דער מדרגה פון א טוגענד, וואו אלע געזעצען פון לאנד זענען דורכגעדרונגען מיט די פרינציפען פון דעם דייטשען „איבערמענשטום" און פון א בעציהונג צו אנדערע פעלקער ווי צו א „אונטערמענשטום", — קען מען שאפען א דעמארקאציע־ליניע, איבער וועלכער די געפיהלען פון שנאה און פעראכטונג זאלען נישט טארען אריבערמארשירען.

שנאה איז ווי א צעבושעוועטע כוואליע, וועלכע ווייס נישט פון קיין אפהאלט. סיידען זי טרעפט אן אויף א שטארקע פויסט. מען קען אפשר אריינגעבען געזעצען אין וועלכע ס'זאל גענוי איינגערעכענט ווערען, וועלכע איינוואוינער פון דייטשלאנד און פון וועלכער נאציאנאליטעט ס'איז ערלויבט צו האסען און צו וועלכע מען דארף זיך בעציהען נייטראל נישט קאלט און נישט ווארים. ווייל צו קיין פריינדליכער בעציהונג א חוץ צו אייגענע מענשען פון דער „סטאדע" דערלאזט דאס היינטיגע דייטשלאנד בכלל נישט.

אבער אזא פארמעלע געזעצגעבונג וועט ווארשיינליך קיין זאך נישט ענדערען. מחמת אויב שנאה הערשט דורך דאס גאנצע לעבען פון לאנד, קענען קיינע אויסנאהמען נישט געמאכט ווערען, נאכמעהר ווען די שנאה האט א בעגרינדונג אין הונדערטיאהריגע טראדיציעס. וואס קענען דא העלפען דיפלאמאטישע אפמאכען און דייטש־פוילישע אינסטיטוטען?

מען דארף קודם כל פאר יעדען פרייז אנטוואפענען די העצער, די ברוטאלע פרעדיגער פון מענשען־האס.

אפאפירט מען אבער זייער האס, וועלכע זיי טראגען צווישען די איראפעאישע פעלקער און דעם סם, מיט וועלכען זיי פערפעסטען די לופט, מוז מען אויף שטילערהייט אפראבירען די עוולות, וועלכע ווערען בעגאנגען לגבי די מיטגלידער פון אנ'אונאפהענגיגער נאציע — דארט וואו זי איז אין א מינדערהייט...

**א. צינצינאטוס.**

# ווער איז לארד בערסטעד

## וואס פאהרט היינט צוזאמען מיט הערבערט סאמיועל און סיימאן מארקס קיין אמעריקא

דער נאמען פון לארד בערסטעד חזר'ט זיך איצט כסדר איבער אויף די שפאלטען פון דער יודישער פרעסע צוליב זיין געפלאנטער רייזע צוזאמען מיט הערבערט סאמיועל און סיימאן מארקס קיין אמעריקא בכדי צוצוגרייטען די עמיגראציע פון די יודען פון דייטשלאנד.

עס וועט דעריבער זיין אינטערעסאנט ביי דער געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט דער וואונדערבארער קאריערע פון דער דאזיגער פערזענליכקייט דעם שעפער פון דער ענגלישער נאפט־אינדוסטריע, וועלכער קאנטראלירט היינט, צוזאמען מיט לארד דעטערדינג, נאפט־קוועלען, וואס זענען 14 מאל אזוי גרויס ווי אלע נאפט־קוועלען, וואס געפינען זיך אין אמעריקא. לארד בערסטעד איז געבוירען געווארען אלס מארקוס סאמיועל אין לאנדאנער געטא, אין ווהייטשעפעל. זיין קינדהייט האט ער פערבראכט אין די שמוציגע געסלעך פון דעם ארימסטען טייל פון דער וועלט־שטאט. ער איז געווען א קליינער בעאמטער אין א שיף־אגענטור און ווען דאס האט זיך איהם צוגעגעסען, האט ער בעשלאסען זיך ארויסצולאזען אין דער וועלט. די רייזע קיין אינדיען האט ער אדורכגעמאכט אלס „בלינדער פאסאזשיר". דארט האט ער געהאנדעלט מיט וואס עס האט זיך נאר געלאזט. ענדליך האט ער געגרינדעט א קליינע טראנספארט־פירמע. ער האט געארבייט זעהר פלייסיג און עס איז איהם געלונגען צו קריגען א קליינעם קרעדיט ביי די פאריזער ראטשילדס. ער איז געווארען אנ'אייגענטימער פון אנ'אלטער צופאהרענער שיף און מיט דער צייט איז ער געווארען א הער פון א קליינעם פלאט מאדערנע שיפען. ער האט געהאט שוועריגקייטען צו בעקומען פראכטען פון אינדיען, אבער קיינמאל האט ער נישט געהאט קיין פראכטען פון ענגלאנד קיין אינדיען. און שטענדיג האבען זיינע שיפען געמוזט אדורכמאכען דעם וועג צוריק אהן לאדונג. איינמאל האט עמיצער פארגעלעגט, אז ער זאל פאר א קליינעם אפצאהל איבערפיהרען אויף צוריקוועגס קיין אינדיען — בענזין. סאמיועל האט מסכים געווען און אינגיכען האט ער פערשטאנען, אז דאס דאזיגע זייטיגע געשעפטעל דארף ווערען זיין הויפט־האנדעל און ער האט אנגעהויבען צו פערקויפען בענזין אין אינדיען, יאפאן און כינע. אינגיכען האט ער אויסגעבויט אנשטאט די פרימיטיווע שיפען א גרויסען פלאט פון נאפט־טאנקס און א חוץ דעם האט ער זיך בעמיהט וועגען דער קאנצעסיע אויף די נאפט־קוועלען אויף דער אינזעל בארנעא און האט אויך אייגענער האנד אנגעהויבען זייער עקספלאטאציע.

נאך איידער ראקפעלער'ס סטאנדארט אויל האט אנגעהויבען די מלחמה געגען דעם יונגען דעטערדינג איז סאמיועל שוין געווען א געפעהרליכער קאנקורענט פון דעטערדינג'ס ראיאל דוטש. ווען די אמעריקאנער וואלטען נישט געווען אזוי שטאלץ אונצוגענגליך און איבערצייגט אין זייער מאכט, ווען די דירעקטארען פון סטאנדארט אויל וואלטען זיך געגעבען די מיה גענויער צו אבסערווירען דעם קליינעם יוד סאמיועל, וואלט איצט בכלל נישט עקזיסטירט די מאכט פון ענגלישען נאפט און פון ראיאל דוטש וואלט נישט געבליבען קיין שפור. די אמעריקאנער האבען אבער געגלויבט, אז זיי וועלען קענען צורייבען יעדען קאנקורענט. עס איז זיי נישט געקומען אויפ'ן געדאנק אונטערצוהאנדלען אדער צוזאמענצוארבייטען מיט די קליינע. און סאמיועל? זאל ער ווייטער קאנקורירען מיט דעטערדינגען.

און דערווייל האט דער קליינער יוד פון ווהייטשעפעל מיט דער הילף פון די ראטשילדס ווייטער געבויט שיפען־טאנקס. דעטערדינג האט נישט געהאט קיין איין שיף. ער האט אבער דערפאר געהאט רייכע נאפט־קוועלען אין האלענדישען אינדיען, די קוועלען פון דער צוקונפט. ראקפעלער'ס קוועלען, אבער הגם זיי האבען זיך פערוואנדעלט אין א שטראם גאלד, האבען אבער געדראהט אויסצוטרוקענען. דעטערדינג האט ווייניגער פראדוצירט, ער האט אבער איבעראל געהאט אונערשעפליכע קוועלען. סאמיועל האט פערשטאנען, אז ראקפעלער איז דער הער פון דער געגענווארט, אבער די צוקונפט געהערט צו דעטערדינגען. דער קאמף, וואס ראקפעלער האט געפיהרט מיט דעטערדינגען דורך פערקלענערען די טראנספארט־פרייזען, האט אבער אויך געשאדט סאמיועל'ן.

און עס איז געשעהן, וואס עס האט געמוזט געשעהן. סאמיועל'ס פלאט האט זיך פעראייניגט מיט דעטערדינג'ס רייכטום אין קאמף געגען ראקפעלער'ס מאכט. דאס איז געשעהן אין 1897. די נייע פירמע האט זיך זייט דאן געפינען אונטער דעם מעכטיגען שוץ פון ענגלאנד. ווייל א שותף פון דער פירמע, איז געווען דער ענגלישער בירגער סאמיועל. האבענדיג אזא שוץ, האט סאמיועלס גרויסער פלאט און דעטערדינג'ס אונערשעפליכע קוועלען אנגעהויבען דעם קאמף מיט ראקפעלער'ן און פירט איהם מיט ערפאלג ביז צום היינטיגען טאג.

אזוי ארום איז סאמיועל געווארען דער בעגרינדער פון ענגלאנד'ס מאכט אלס נאפט־מלוכה, אלס מיטאייגענטימער פון קאנצערן ראיאל־דוטש־שעל און איז איינער פון די גרעסטע מאגנאטען פון ענגלאנד. ער ארבייט אויך געזעלשאפטליך. אין יאהר 1902 איז ער אויסגעוועהלט געווארען אלס לארד־מאיאר פון לאנדאן. פאר זיינע פערדינסטען ביי דער אויסבויאונג און פערפעסטיגען די מאכט פון דער בריטישער אימפעריע איז ער אין 1921 בעשטימט געווארען אלס לארד בערסטעד און אין 1924 איז ער דערהויבען געווארען צו דער ווירדע פון א וויסקאונט.

לארד בערסטעד איז געבליבען א טרייער יוד, און האט זיך נישט געשעהמט מיט זיין אפשטאמונג. און לעצטענס — ווי די צייטונגען האבען שוין געמעלדעט — נישט־קוקענדיג אויף זיין טיפען עלטער. ער איז איבער 80 יאהר אלט, האט ער זיך פעראינטערעסירט מיט'ן גורל פון זיינע אומגליקליכע ברידער אין דייטשלאנד, און פאהרט היינט קיין אמעריקא, בכדי צוצוגרייטען א קאנסטרוקטיווען רעטונגס־פלאן.

# צי וועט קומען צו א ווייטערדיגע דעוואלואציע פון דאלאר

אין שייכות מיט דער לעצטער ירידה פון דאלאר אויף די איראפעאישע בערזעס שרייבט די „אי. ק. צ." פאלגענדעס:

דער דאלאר וועגען וועלכען מען האט לעצטענס אויפגעהערט שוין צו רעדען, איז היינט ווידער ביי אלעמען אין מויל. דער דאלאר האט א שוואכע טענדענץ די פראגע צי דער דאלאר וועט ווידער נישט ווערען דעוואלוירט הייבט אן צו בעאונרוהיגען די וועלט:

עס איז אפשר פריהצייטיג שוין היינט צו רעדען וועגען דער סכנה פון א נייער דעוואלואציע פון דער וואלוטע וועלכע האט אין משך פון די לעצטע צוויי יאהר ווידער פערנומען דאס ערשטע ארט אין וואלוטע סיסטעם פון דער וועלט. א וואלוטע, וועלכע איז געשטיצט אויף א העלפט גאלד פון דער גאנצער וועלט. אבער עס צייכענט זיך אן דייטליך די מעגליכקייט פון א נייער דעוואלואציע פון דאלאר און א אפיציעלען אויסדרוק האט דעם דאזיגען פאקט געגעבען נישט קיין אנדערער ווי פרעזידענט רוזוועלט אליין אין זיין רעדע דעם 10־טען יאנואר.

אין דער דאזיגער רעדע האט פרעזידענט רוזוועלט פערלענגערט אויף נאך א יאהר זיין בערעכטיגונג וואס איז ענטהאלטען אין דעם וואלוטע געזעץ פון 30טען יאנואר 1934 בעגרינדענדיג דאס מיט דעם וואס אויף די וואלוטע מערק הערשען נאך ווייטער אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען.

עס זענען פערלענגערט געווארען די בערעכטיגונגען פון פרעזידענט נישט נאר אויפן געביט פון סטאביליזאציע פאנד נאר אויך די בערעכטיגונגען אויפן געביט פון דער דעוואלואציע פון דאלאר.

דער פרעזידענט האט דעם 12 מאי 1933 בעקומען דאס רעכט אדורכצופיהרען די דעוואלואציע פון דאלאר און זיין סטאביליזאציע צום קורס נישט נידריגער ווי 50 פראצענט און נישט העכער ווי 60 פראצענט פון פאריטעט. דערווייל האט פרעזידענט רוזוועלט אדורכגעפיהרט די דעוואלואציע אויף 59.06 פראצענט.

די ענדגילטיגע סטאביליזאציע פון דאלאר איז אבער ביזאיצט נאך נישט אדורכגעפיהרט געווארען. מען האט געמיינט אז די פראוויזארישע סטאביליזאציע פון דאלאר פון יאנואר 1934 וועט שוין זיין א ענדגילטיגע, אויב דער פרעזידענט וועט פון די ווייטערדיגע דעוואלואציע בערעכטיגונגען אין טערמין נישט מעהר מאכען קיין געברויך און די דאזיגע בערעכטיגונגען ענדיגען זיך דעם 29 פון דעם חודש.

און אט איצט זענען אבער די דאזיגע בערעכטיגונגען פערלענגערט געווארען, אין דער ווענדונג פון פרעזידענט רוזוועלט אויף נאך א יאהר — און דערפון נעהמט זיך די בעאונרוהיגונג און ענטוישונג.

די בעאונרוהיגונג האט נאך אנדערע סיבות. עס האט א שייכות אויך מיט דער ליקווידירטער „א.א.א." און דאס זוכען נייע וועגען פון הילף פאר דער לאנדווירטשאפט, אנשטאט די איצט אפגעשאפטע.

ווי בעוואוסט האט די אויפלעבונג אין דער אמעריקאנישער ווירטשאפט נישט געלעזט נאך די פראגע פון בודזשעט דעפיציט. דער דאזיגער דעפיציט וואס האט אין יאהר 1934 בעטראפען 3.989 מיליאן דאלאר (אדער 21 מיליארד זלאטעס) האט אין יאהר 1935 בעטראפען — 3,575 מיליאן דאלאר, און אויפ'ן יאהר 1936 ווערט ער געשאצט אויף 3.234 מיליאן דאלאר ערשט אויפ'ן יאהר 1937 ווערט ער לויט דער אפטימיסטישער אפשאצונג פון פרעזידענט רוזוועלט בעטראגען אויף 1,098 מיליאן דאלאר. און ביי אזא לאגע קומט פאר די ליקווידאציע פון „א.א.א." דאס בעדייט אז עס פאלען אוועק די שטייערען פון איבערארבייטען אין דער הויך פון 500 מיליאן דאלאר אבער דאס בעדייט נישט אז עס פאלען גלייכצייטיג אפ די הוצאות אויף פרעמיעס פאר די פארמערס פארן בעגרעניצען דעם פערזייה שטח. די דאזיגע פרעמיעס זענען אויסגעצאהלט געווארען די פארמערס אויפן יסוד פון קאנטראקטען וואס זענען געשלאסען געווארען צווישען די פארמערס און דער רעגירונג און די רעגירונג האלט זיך אין שטאנדפונקט אז עס איז א זאך פון אנשטענדיגקייט און כבוד אז די קאנטראקטען וואס די רעגירונג האט געשלאסען זאל רעספעקטירט ווערען, אזוי אז דער דעפיציט פון בודזשעט וואלט נאך גרעסער געווארען און ער ווערט אפגעשאצט אויף 4 מיליארד דאלאר.

די צווייטע זייט פון פראבלעם איז וואס דארף מען געבען דער לאנדווירטשאפט אויפן ארט פון דער ליקווידירטער „א.א.א.". דער לאגער פון די אינפלאציאניסטען אין די פעראייניגטע שטאטען איז נאך נישט פערשוואונדען. דאס פראגראם פון „ביליגען דאלאר" איז אין די לאנדווירטשאפטליכע שטאטען ווייטער פאפולער. די אגיטאציע פון די אינפלאציאניסטען נאך דער ליקווידאציע פון דער „נירא" און „א.א.א." וועט זיך זיכער נאך מעהר שטארקען און שוין איצט הערט מען שטימען וואס פאדערן די ווייטערדיגע דעוואלואציע פון דאלאר.

ווען די אנדערע עלעמענטען פון „ניו־דיל" צוזאמען מיט דעם פראגראם פון די גיגאנטישע עפענטליכע ארבייטען זענען בעדראהט דורך די אורטיילען פון העכסטען געריכט, איז גאנץ מעגליך אז עס וועט ענטשטעהן א נויטווענדיגקייט צו פערטרעטען זיי דורך דער טעטיגקייט פון א נייער דעוואלואציע.

דאס זענען די סיבות צוליב וואס רוזוועלט האט זיך איבערגעלאזט פרייע הענד אין דעם וואלוטע פראבלעם. אין דעם אפעל צום קאנגרעס האט רוזוועלט ארויסגערוקט אנדערע ארגומענטען און נעמליך דעם אינטערנאציאנאלען כאאס, עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אז אין הינזיכט פון וואלוטע הערשט איצט אויף דער וועלט א פולשטענדיגער כאאס א סך גרעסערער ווי אין די צייטען פון דער וועלט מלחמה".

מיר האבען נאר א פאר גאלד וואלוטעס, מיר האבען וואלוטעס וואס זענען דעוואלוירט געווארען. מיר האבען האלב פעסטע וואלוטעס (דאלאר און בעלג) מיט א פראוויזארישער סטאביליזאציע, מיר האבען עלאסטישע וואלוטעס מיט אונבעגרעניצטע דעוואלואציע רעזערווען, ווי דער ענגלישער פונט. מיר האבען אויך איינגעפרוירענע וואלוטעס, ווי דער סאוויעטישער רובעל, דייטשע מארק, איטאליענישע לירע, וואס מען קען נישט ארויספיהרען און נישט אריינפיהרען.

ווי עס איז דערפון צו זעהן פערשלעפט זיך דער וואלוטע קריזיס פון דער וועלט און ער פערטיפט זיך אויך—שוין נישט רעדענדיג וועגען דעם, אז ער ברייט זיך בסדר אויס. די רעדע פון פרעזידענט רוזוועלט וועט נישט זיין קיין קוואל פון אפטימיזם פאר דער וועלט, וועלכע וועט פערשטעהן איהר זין.

# פראנצויזישע רעגירונג בעהאנדעלט ליבעראל די שטאטסלאזע

פאריז. (יט"א) דאס אינערן־מיניסטעריום האט פעראָרדענט, אז להבא זאלען שטאטלאזע נישט דעפארטירט ווערען בלויז אויפ'ן יסוד פון אנ'אדמיניסטראטיווער פעראָרדנונג. נאר יעדער פאל פון דעם מין זאל מיטגעטיילט ווערען דעם אינערן־מיניסטעריום.

שטאטסלאזע קענען — לויט דער דאזיגער פעראָרדנונג — דעפארטירט ווערען בלויז פאר בעגעהען א קרימינעלען פערברעך, פאר א פערשווערונג געגען דער רעגירונג, פאר פיהרען א פערשווערונגס־אקציע אויף דער פראנצויזישער טעריטאריע געגען א פרעמדער מלוכה אדער פאר ביי־זוויליגען נישט־צאהלען שטייערען.

אין יעדען בעזונדערען פאל מוז גענומען ווערען אין בעטראכט דער פאמיליען־צושטאנד פון שטאטסלאזען ווי בכלל אלע אומשטענדען פאר זיין גונסטען.

די פעראָרדנונג פון דער פראנצויזישער רעגירונג האט ארויסגערופען גרויס צופרידענהייט אין יודישע און רוסישע קרייזען. אין איצטיגען מאמענט בעציהט זיך די פעראָרדנונג הויפטזעכליך אויף די שטאטסלאזע פון רוסלאנד און סאאר־געביט. מען האפט, אז ענליכע בעשטימונגען וועלען אויך ארויס געגעבען ווערען לטובת די פליטים פון דייטשלאנד, וואס הגם פיל פון זיי זענען אפיציעל נאך נישט קיין שטאטסלאזע, פאקטיש אבער קענען זיי נישט געניסען פון קיין שום שוץ פון די דייטשע קאנסולאר־ארגאנען.

# „אין פינף יאהר ארום וועט אין א"י זיין א מיליאן יודען — און דאן וועט זיין א סוף צו די אראבער“

## דער מופטי-ארגאן דערצעהלט נייע „סודות פון חדר“ וועגען „געפעהרליכען פלאן“ פון ענגלענדער און יודען

ירושלים. (יט"א) „אל ליוואא“ זאגט אויס די „סודות פון חדר“. אין אן-ארטיקעל א. ט. „דער פיר-יאהר-פלאן פון הויך-קאמיסאר“ שרייבט די צייטונג, אז אין די אפיציעלע ארכיוען אין א"י און לאנדאן געפינט זיך א „געפעהרליכער פלאן“ פאר א"י, וואס איז אויסגעארבייט געווארען אין צוזאמענהאנג מיט'ן ווילען פון הויך-קאמיסאר צו פראקלאמירען א לעגיסלאטיוו-ראט, זיך נישט אפשטעלענדיג פאר קיין זאך אין דער וועלט. מיר קענען פערזיכערען — שרייבט „אל ליוואא“ — אז ווען נישט אט דער פלאן, וואלט דער הויך-קאמיסאר נישט בעקומען די הסכמה פון דער ענגלישער רעגירונג צו פראקלאמירען דעם לעגיסלאטיוו-ראט, אדער עס וואלט געקומען צו א שארפען צוזאמענשטויס צווישען איהם און די יודען, וואס וואלט זיך פערענדיגט מיט זיין דעמיסיע. בעת דער דזשאן טשענסעלאר האט זיך בעמיהט צו פראקלאמירען א לעגיסלאטיוו-ראט, איז דער פלאן נאך נישט געווען, און וואלט מען אין זיין צייט פארגעלעגט אזא פלאן, וואלט ער נישט מסכים געווען אויף איהם. וועגען דעם דאזיגען פלאן האט סער ארטור וואוקאפ גערעדט בעת זיין לעצטער אינספעקציע אין די צפונ'דיגע דערפער. דער הויך-קאמיסאר האט אבער נאר גערעדט וועגען דעם פלאן, ווי ווייט ער איז נוגע די אראבער, אבער ווי ווייט ער איז נוגע די ענגלענדער און די יודען, וועגען דעם האט ער קיין ווארט נישט דערמאהנט. ווען די יודען „וואלטען נישט גערעדט וועגען קליינען געלד צו בעזעצען יודען פון דייטשלאנד אין א"י און ווען זיי וואלטען נישט גערעדט וועגען א פיר-יאהר-פלאן צו בעזעצען א פערטעל מיליאן יודען אין לאנד, וואלטען מיר זיך נישט אפגעשטעלט אויף דעם, וואס מען פלאנט איצט פאר דעם אראבישען פאלעסטינע, וואס וועט זיין דער פרייז פאר'ן לעגיסלאטיוו-ראט, כדי אזוי-ארום אפצוקי-פען די אראבער פון דער עיקר-פראגע“.

„אל ליוואא“ דערצעהלט וועגען אן-אינטריגע צווישען די יודען און דער ענגלישער רעגירונג, אריינצוברענגען א האלבען מיליאן יודען אין די קומענדע פיר יאהר: א פירטעל מיליאן פון דייטשלאנד און א פירטעל מיליאן פון אנדערע לענדער. ווען אין פינף יאהר ארום — שרייבט „אל ליוואא“ — וועלען ווידער זיין וואהלען צום לעגיסלאטיוו-ראט וועט פאלעסטינא האבען א בעפעלקערונג פון צוויי מיליאן נפשות: 1 מיליאן יודען און 1 מיליאן אראבער. די אראבער וועלען אבער זיין הינטערשטעליג לגבי די יודען ווייל דאס רוב יודישע עמיגראנטען, סיי מענער, סיי פרויען, וועלען זיין אין יוגענדליכען עלטער און וועלען האבען דאס פאסיווע און אקטיווע וואהל-רעכט צו די שטאט-פערוואלטונגען און צו דעם לעגיסלאטיוו-ראט.

„אל ליוואא“ ווייס אויך דעם „סוד“ פון מ. שערטאק'ס רייזע קיין עגיפטען: ער איז אהין געפאהרען מיט'ן צוועק צו אונטערהאנדלען מיט הארטיגע איינפלוסרייכע יודען, צו פערקויפען אין עגיפטען דייטשע סחורות פאר דעם פירטעל מיליאן יודען, וואס וועט איינוואנדערן קיין א"י. „אל ליוואא“ ווענדעט זיך דעריבער צו אלע אראבער, צו באיקאטירען דייטשע סחורות, וואס קומען אן דורכ'ן טראנספער.

די צייטונג פיהרט אויס: „אדער מען מוז ציהען נוצען דערפון, וואס די ענגלענדער ווילען איבערבעטען די אראבער, פון דער נייער ענגלישער פאליטיק, מיט וועלכער מר. אידען פיהרט איצט אן, אדער מען מוז שטעהן פעסט, אז די צאהל אראבישע דעלעגאטען זאל זיין אין פערהעלטניש צו דער אראבישער בעפעלקערונג אין לאנד, אדער באדען-אנגעלעגענהייטען און די איינוואנדערונג זאלען געהערען צו דער קאמפעטענץ פון לעגיסלאטיוו-ראט — אז נישט איז אין פיר אדער פינף יאהר ארום א סוף צו די אראבער אין ארץ-ישראל“.

„אל ליוואא“ ווייס צו דערצעהלען, אז דער אויסערן-מיניסטער מר' אנטאני אידען האט איבערסטרואירט דעם הויך-קאמיסאר אין א"י און די בריטישע רעפרעזענטאנטען אין אנדערע לענדער פון נאהענטען און מיטעלען מזרח צו בעהאנדלען די מוזולמענישע בעפעלקערונג אזוי מילד ווי מעגליך און מאכען איהר די ווייטגעהענדסטע קאנצעסיעס, כדי צו זיכערן איהר פריינדשאפט פאר דער בריטישער רעגירונג. דאס — שרייבט „אל ליוואא“ — איז די סיבה דערפון, וואס דער הויך—קאמיסאר מאכט אזעלכע בעמיהונגען צו בעקומען די הסכמה פון די אראבער אויפ'ן לעגיסלאטיוו—ראט אין א"י. די אראבישע צייטונג ווארענט דעריבער די פיהרער פון דער אראבישער בעפעלקערונג, אז זיי זאלען זיך נישט איבעראיילען מיט'ן אננעמען די זיי פארגעלעגטע קאנצעסיעס. זיי קענען פאדערן מעהר, ווייל ענגלאנד וועט זיי די דאזיגע פאדערונג נאך געבען.

### א „פאן - אראבישער קאנגרעס“ אין באגדאד

ירושלים (יט"א). אין באגדאד וועט איבעריגען פארקומען א „פאן-אראבישער קאנגרעס“. זיינע ארגאניזאטארען האבען זיך א לאנגע צייט בעמיהט, אז די רעגירונג פון איראק זאל איבערנעהמען דעם פראטעקטאראט איבער'ן קאנגרעס, איצט איז בעקאנט געווארען, אז די איראק-רעגירונג האט זיך ענדגילטיג אפגעזאגט צו ווערען דער פראטעקטאר פון „פאן-אראבישען קאנגרעס“.

### בודזשעט פון פתח - תקוה

ירושלים (יט"א) דער לאקאלער ראט פון פתח-תקוה האט אויסגעארבייט דעם בודזשעט אויפ'ן יאהר 1936-37, וואס מוז נאך בעשטעטיגט ווערן דורך דער רעגירונג די הכנסה איז אויסגערעכענט אויף 35.500 פונט און די הוצאה אויף 40.500 פונט. 80 פראצענט פון בודזשעט געהט אויף ערציהונג און סאניטארע צוועקען. דער שטאט-ראט אין פתח תקוה בעקלאגט זיך אין זיין מעמאריאל צו דער רעגירונג, אז די בעטייליגונג פון דער רעגירונג אין בודזשעט פון פתח-תקוה ווערט פון יאהר צו יאהר אלץ קלענער.

### אראבער „דעמאנסטרירען“ געגען דער ליקוי - לבנה

ירושלים (יט"א) בעת דער ליקוי לבנה, וואס איז פארגעקומען דעם 8 יאנואר, האט דער אראבישער המון אין יפו איינגעארדענט א גאסען-„דעמאנסטראציע“ און געקלאפט אין פויקען און בלעכען, כדי צו פערטרייבען דעם שטן אין „געשטאלט פון לויתן, וואס וויל איינשלינגען די לבנה“ די „דעמאנסטראנטען“ האבען געזאגט קאפיטלעך קאראן און פאראייניגעס אויך געבעטען אויף רעגען.

### פראפ. נאמיער פון לאנדאן בעטייליגט זיך אין עקזעקוטיווע - בעראטונגען וועגען לעגיסלאטיוו - ראט

ירושלים (יט"א) פראפ. נאמיער, געוועזענער פאליטישער סעקרעטאר פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאנדאן, איז צוריק אפגעפאהרען קיין ענגלאנד. פראפ. נאמיער האט עטליכע וואכען פערבראכט אין לאנד און זיך בעטייליגט אין די זיצונגען פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין צוזאמענהאנג מיט דער פראקלאמירונג פון לעגיסלאטיוו-ראט-פראיעקט.

### „אבער יודען זענען נישט געוואונשען אין עבר-הירדן....“

ירושלים (יט"א) פון אמאן ווערט מיטגעטיילט, אז אין צוזאמענהאנג מיט דער ראס-נימרין-אפערע האט זיך דער בריטישער פערטרעטער אין עבר הירדן געווענדעט צום לאנדווירטשאפטליכען דעפארטאמענט, אז ער זאל זיך ארויסזאגען וועגען לאנדווירטשאפטליכע אונטערנעהמונגען אין עבר הירדן. דער לייטער פון ווירטשאפטליכען דעפארטאמענט האט געענטפערט, אז פארלויפיג געהערען אזעלכע אונטערנעהמונגען צו פריוואטע מענשען. אונטערנעהמונגען פון א גרויסען מאסשטאב, פאדערן גרויסע קאפיטאלען, וואס נאר יודען וואלטען זיי געקאנט אינוועסטירען — אבער „יודען זענען נישט געוואונשען אין עבר הירדן“.

## אביסעלע קיביץ
### (הומאר פון טאג)

א חסיד'ס א פרוי איז געגאנגען שווער צו-קינד, לויפט ער אוועק צום רבין, ראט איהם דער רבי ער זאל לאזען אויפקלייבען א מנין יודען זיי זאלען זאגען תהלים. דער חסיד איז אוועק צום שמש פון שטיבעל, דער שמש האט אויפגעקליבען א מנין-יודען און זיי האבען געזאגט תהלים.

ווען דער חסיד איז געקומען אהיים האט שוין זיין ווייב געהאט געבוירען א קינד, אין א פאר מינוט ארום האט זי געהאט א צווייט קינד, א ווײלע שפעטער — עס געהט נאך איינס. לויפט דער חסיד שנעל אוועק אין שטיבעל און שרייט צו די יודען:

— געוואלד, גזלנים, הערט אויף זאגען תהלים!

* * *

א פראווינצער איז געקומען קיין לאדז אנצוקוקען די וואונדער פון א גרויסער שטאט און האט געדונגען א צימער אין א האטעל. איידער ער איז געגאנגען שלאפען, האט ער געפרעגט דעם האטעל דינער ווען איז די צייט פון עסען.

— מיר עסען פריהשטיק פון זיבען ביז עלף, מיטאג פון צוועלף ביז דריי, און וועטשערע פון זעקס ביז אכט — האט דערקלערט דער האטעל דינער.

— הער זיך איין — האט זיך אפגערופען דער פראווינצער — ווען זשע וועל איך האבען צייט אנצוקוקען לאדז?

### „חברת הכשרת הישוב“ פערגרעסערט איהר קאפיטאל אויף 100 טויזענט פונט

ירושלים (יט"א) אויף דער זיצונג פון דירעקטארען-ראט פון דער „חברת הכשרת הישוב“ איז בעשלאסען געווארען צו פערגרעסערן דעם רעזערוו-פאנד אויף 100 טויזענד פונט. עס איז אויך בעשלאסען געווארען פארצולעגען דער גענעראל-פערזאמלונג צו פערטיילען א דיווידענדע אויף 8 פראצענט אויף די גרינדונגס- און געוועהנליכע אקציעס און 6,3 אויף פארצוגס-אקציעס.

# דאס לעבען אין ווארשא
## (טעלעפאנישע ידיעות פון דער הויפט-שטאט)

### רעדוצירט די פרייזען פון באהן-בילעטען אויף 1000 און 2500 קילאמ.

פון 18. יאנואר אן וועלען בעדייטענד רעדוצירט ווערען די פרייזען פון די נארטען-בילעטען אויף אדורכפאהרען 1000 און 2500 קילאמעטער. אזוי-ארום וועלען צוגענגליך געמאכט ווערען די אויספלוגען אויף די נארטען-געביטען פאר די בריי͏טסטע מאסען.

דער פרייז פון א בילעט דריטע קלאס אויף 1000 קילאמעטער וועט אנשטאט ווי ביז איצט 30 זל. מיט 50 גראשען נאר קאסטען 26 זל. מיט 50 גראשען, דער פרייז פאר 2500 קילאמעטער וועט רעדוצירט ווערען פון 60 זל. מיט 50 גר. אויף 52 זל. מיט 50 גראשען שוין צוזאמען מיט'ן אפצאהל פאר'ן בילעטען-ביכעלע און אפצאהל פאר דער ליגע צו שטיצען די טוריסטיק.

כדי צו בעקומען די דאזיגע בילעטען מוז מען האבען א לעגיטימאציע פון פוילישען נארטען-פערבאנד.

### ארעסטירט א קאסע-ברעכער.

מיר האבען שוין מיטגעטיילט, אז דעם 9. דעצעמבער האבען קאסע-ברעכער אויפגעריסען די קאסע פון דער פירמע שייבלער און גראהמאן, געגשא 14 און צוגערויבט דעמאלט 10 טויזענד זלאטעס מזומנים.

נעכטען איז ארעסטירט געווארען איינער פון די הויפט-אנטיילנעהמער אין דעם איינברוך, דאס איז א געוויסער אהרן שטשופיאק א בעקאנטער קאסע-ברעכער, ער איז איינגעזעצט געווארען אין טורמע, די שותפים וויל ער נישט אויסגעבען.

### א מיליאן קינדער אהן שול.

נעכטען איז פארגעקומען א זיצונג פון דער פארלאמענטארער בילדונגס-גרופע, כדי צו בעטראכטען די מעגליכקייט צו העלפען דער מלוכה פאר'ן שול-וועזען, דעם פארזיץ האט געפיהרט דער געוו. מיניסטער סענ. מיקלאשעווסקי, אין דער זיצונג האט אנטיילגענומען דער בילדונגס-מיניסטער שוויענטאסלאווסקי צוזאמען מיט דעם לייטער פון דער בודזשעט-אפטיילונג ה' נאוואק.

די קאטאסטראפאלע לאגע פון פאלקס-שולוועזען האט פארגעשטעלט דעפ. האפמאן, אין זיין רעפעראט האט ער אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם מיליאן קינדער אהן שול און דעם כסדר וואקסענדען אנאלפאבעטיזם, וועלכער בעדראהט נישט נאר די אלגעמיינע קולטור פון פאלק נאר אויך די פערטיידיגונגס-קראפט פון דער מלוכה.

די בודזשעט-געברויכען פון בילדונגס-מיניסטעריום האט פארגעשטעלט דעפ. באכמארסקי, בעטאנענדיג די נויטווענדיגקייט ענטשפרעכענד צושפערגרעסערען דעם בילדונגס-בודזשעט אין די ראהמען פון מלוכה-בודזשעט, אין דער דיסקוסיע האבען אנטיילגענומען א גאנצע רייהע דעפוטאטען און ס'איז בעשלאסען געווארען זיך צו ווענדען וועגען דעם צו דער רעגירונג.

### ארום דער אפערע פון אינטענדענט פון די געוו. שטאטישע טעאטערס.

די אפערע פון אינטענדענט פון די געוועזענע שטאטישע טעאטערס לאניעווסקי, וועלכער איז ארעסטירט געווארען אונטער'ן פערדאכט פון מיסברויכען ווי: נישט אויסרעכענען זיך פון פערשידענע סומען, ארויסבארגען רעקוויזיטען און געמען לאפובקעס — נעהמט אן ברייטע פארמען, לאניעווסקי האט געמאכט פערשידענע פינאנציעלע אפעראציעס, אין וועלכע ס'זענען פערמישט עטליכע אינסטיטוציעס, די אקטען פון דעם ענין זענען איבערגעשיקט געווארען צום פראקוראר, לאניעווסקי איז איינגעזעצט געווארען אין טורמע אויף דזשעלנא גאס.

### לאקאטארען - שוץ אויף דירות איבער 5 צימערען.

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער יורידישער קאמיסיע זענען פערטיילט געווארען די רעפעראטען. דעפ. זאמערשטיין האט בעקומען דעם רעפעראט וועגען נאוועליזירען דעם לעצטען דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט וועגען רעדוצירען דאס דירה-געלד און ענדערען דעם לאקאטארען-שוץ. דער נייער פראיעקט פערלאנגט ארומצונעהמען דורכ'ן געזעץ וועגען לאקאטארען-שוץ די וואוינונגען איבער 5 צימערען, אין וועלכע עס וואוינען דאקטוירים, אדוואקאטען און אינזשיניערען, דער לאקאטארען-שוץ זאל אויך, ווייטער חל זיין אויף אלע אינדוסטריע און האנדעלס-אונטערנעהמונגען.

### פלענום פון דער הויפט - פערוואלטונג פון י.ש.א.

די טעג איז פארגעקומען א סעסיע פון דער הויפט-פערוואלטונג פון דער י.ש.א. אין די זיצונגען האבען זיך אויך בעטייליגט פארשטעהער פון צ.ב.ק. אין ווילנע, ביאליסטאקער י.ש-א., שול-ארגאניזאציע פאר ווילנער פראווינץ, לעהרער-פעראיינען אין ווארשע און ביאליסטאק.

דער פלענום האט אויפ'ן ארט פון פערשטארבענעם פארזיצער פון י.ש.א. יוסף לעשטשינסקי, איינשטימיג אויסגעוועהלט ח. ש. קאזדאן און אויפ'ן ארט פון וויצע-פארזיצער זרבבל, וועלכער האט זיך בעזעצט אין א"י, איז געוועהלט געווארען ש. זאגאן.

ארום בעריכט פון עקזעקוטיוו און אויספיהרבירא וואס איז רעפערירט געווארען דורך ש. מענדעלסאן האט זיך ענטוויקעלט אן אויספיהרליכע דיסקוסיע, אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט א סך רעדנער עס איז בעהאנדעלט געווארען די פינאנציעלע לאגע פון די שולען, עס איז דורכגעפיהרט געווארען אן אבשאצונג פון די פעדאגאגישע דערגרייכונגען און ארבייטען און עס זענען אויך אנגעמערקט געווארען די פערספעקטיוון אויף דער נאהענטסט צוקונפט. אלע אהן אויסנאהם האבען פעסטגעשטעלט אן-אויפלעבונג אין דער ארבייט.

דער פלענום האט אויסגעדריקט אנערקענונג דעם עקזעקוטיוו פאר דער אבגעטוועגער ארבייט און רעקאמענדירט צום קומענדען שול-יאהר צו עפענען נייע אנשטאלטען. עס איז אויך אנגענומען געווארען א פארשלאג וועגען גרויסע יובל-פייערונגען איבערן גאנצען לאנד (אין צוזאמענהאנג מיט'ן 20-יעהריגען עקזיסטענץ פון די יודישע וועלטליכע שולען) עס ווערט אויך פראיעקטירט א לאנד-אויסשטעלונג פון די קינדער-ארבייטען.

ח. ש. קאזדאן האט אבגעגעבען א בעריכט פון זיין ערפאלגרייכער אקציע אין אמעריקע. דער רעדנער האט דערצעהלט וועגען דער הילף, וואס ער האט בעקומען פון די יודישע ארבייטער-ארגאניזאציעס (קודם כל פון ארבייטער-רינג) און אויך כאראקטעריזירט דעם אופן, ווי אזוי די אקציע איז געפיהרט געווארען, דער פלענום האט נאך א מיינונגס-אויסטויש אנגענומען א אנערקענונגס - רעזאלוציע פאר קאזדאן און איבערגעשיקט א גרוס פאר אלע ארגאניזאציעס און פריינד אין אמעריקע, וועלכע האבען מיטגעווירקט צום ערפאלג פון דער אקציע.

נ. בוקסבוים האט רעפערירט וועגען דער רעכטליכער לאגע פון דער יודישער שול. ער האט געמאלען א בילד פון פיין און ליידען, שילדערענדיג אלע שוועריגקייטען, וועלכע די יודיש-וועלטליכע שול שטעהט אויס, און אנגעוויזען אויף די וועגען, ווי אזוי ענטגעגענצווירקען די שוועריגקייטען.

ש. מענדעלסאן האט אין זיין רעפעראט וועגען „געזעלשאפטליכע פראבלעמען פון יודישען שול-וועזען“ בעהאנדעלט די פראגע פון א שול-קאנגרעס. שול-צוזאמענפאהר, לעהרער-קאנפערענץ ווי אויך די יוגענדונג וועגען צוטרעטען צום קולטור-פראנט. דער רעפערענט האט מאטיווירט, פארוואס די י.ש.א. דארף צום קולטור-פראנט נישט צוטרעטען. די דעבאטע ארום די פראגען איז געווען א לייִדענשאפטליכע. דער פלענום האט בעשלאסען רופען א שול-קאנגרעס. א לעהרער-צוזאמענפאהר און זיך ארויס געזאגט געגען אנטיילנעמען אין אז. גער. קולטור-פראנט, רופענדיג אלע פריינד צו גרופירען זיך אין דער י. ש. א.

דער פלענום האט אויסגעהערט אן-אינפארמאציע רעפעראט וועגען דער פרעכטיגער מעדעם-סאנאטאריע.

### ארום דער לעגאליזירונגס - אקציע פון נישט דיפלאמירטע געזעלען.

דעם 31. דעצעמבער פ. י. האט זיך, ווי בעקאנט, געענדיגט דער טערמין פון דערלאנגען וועגען דונגען וועגען צולאזען צו די פערלייכטערטע געזעלען-עקזאמענס. אין פעראייניגטען קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה זענען שוין אנגעקומען א רייהע בעריכטען וועגען דער דורכגעפיהרטער אקציע אין פערשידענע שטעט. ביז איצט האט דער פעראייניגטער קאמיטעט בעקומען בעריכטען וועגען אנערך 5,000 יודישע נישט-דיפלאמירטע געזעלען, וועלכע האבען, אדאנק דער אקציע פון קאמיטעט, דערלאנגט וועגענדונגען וועגען צולאזען זיי צו די הנחה-עקזאמענס, וואס עס וועט זיי געבען א מעגליכקייט זיך צוצופאסען צו די פערפליכטענדע פארשריפטען פון אינדוסטריע-געזעץ. די דערהאלטענע מאטעריאלען און בעריכטען ווערען איצט געניי בעארבייט דורכ'ן פעראייניגטען קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה.

# גריכישע ציוניסטען געגען לעגיסלאטיוו-ראט
## ציוניסטישער טעריטאריאל-פערבאנד אין גריכענלאנד

סאלאניקי (יט"א) אויף דער שלוס-זיצונג פון לאנדעס-צוזאמענפאהר פון דער גריכישער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז פארגעלעזען געווארען א דאנק-דעפעשע פון געארג דעם 2-טען פאר די הולדיגונגס-אויסדרוקען, וואס זענען איהם געשיקט געווארען דורך דער קאנפערענץ.

דער צוזאמענפאהר האט אנגענומען א רייהע רעזאלוציעס, צוו. אנד. וועגען דער שאפונג פון א טעריטאריאל-פערבאנד, געגען דער פראיעקטירטער שאפונג פון לעגיסלאטיוו-ראט, פאר דער אונטערשטיצונג פון קה"י און קק"ל א. אנד. דער צוזאמענפאהר האט אויסגעדריקט צוטרוי דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און בעגריסט דעם צוריקקעהר פון ד"ר וויצמאן צו דער ציוניסטישער לייטונג.

א ספעציעלע דעלעגאציע פון צוזאמענפאהר האט איבערגעגעבען דעם בריטישען קאנסול אין סאלאניקי די רעזאלוציע געגען לעגיסלאטיוו-ראט - פראיעקט.

* * *

סאלאניקי (יט"א) די יודישע פרעסע דריקט אויס גרויס פערביטערונג צוליב דעם געקירצטען סערטיפיקאטען-שעדיול, צוליב וועלכען עס זענען פאר אלע מזרח-לענדער בעשטימט געווארען בלויז 120 סערטיפיקאטען.

# ראדז, ווארשא און ניו־יארק
## דא ווערט דערצעהלט א שפאנענדע פאסירונג

אַרבייטענדיג אָבער צוזאַמען ביי איין בעל־הבית, און דערצו נאָך וואוינענדיג אין איין הויז, האָט זיך מאָטעלע מיט יענעם בחור געלעבט זעהר פריינדליך. און אַ סך מאָל פלעגען זיי פערברענגען צוזאמען, אויסגעהען אויף אַ שפּאציר מיט מיידלעך און וואָס מעהר צייט עס איז אוועק, אַלץ נעהנטערע פריינד זענען די צוויי (מאָטאָלע מיט'ן טאָקער) געוואָרען.

ווען די געשיכטע, וואָס מיר דערצעהלען דאָ, האט פּאסירט, איז מאָטעלע שוין אלט געווען צוואַנציג יאָהר, און דער פריינד זיינער, דער טאָקער, איז שוין געווען אַ „געשטעלטער" ד.ה. ער איז שוין געווען איבערגעקומען דעם פריזיוו.

און דאָ קומען מיר צו דעם עיקר פון דער געשיכטע.

ביי מאָטעלע'ס באַלאַבאָס האָט געדינט אַנ'אַכצעהן יאַהריג מיידעל, אַ יתומה, און זי פלעגט בעדינען די צוויי געזעלען, מאַכען זייערע בעטען, אויפרוימען זייערע צימערען, צוגרייטען זייער וועש.

קיין גרויסע קראַסאַוויצע איז די דינסט נישט געווען, אָבער וואַרפען מיט איהר האָט מען זיך אויך נישט בעדאַרפט. אַ יונגע, געזונדע מויד — אַזש די ערד האָט געציטערט ווען זי איז געגאַנגען.

מאָטעלע'ס פריינד, דער טאָקער, האָט מיט דער דינסט געפיהרט אַ שטילע ליבע... קיין גרויסע צדקניה איז דאָס מיידעל אויך נישט געווען. פלעגט זי ביסלעכווייז אונטערזינדיגען מיט'ן טאָקער. מאָטעלע איז געווען אַ צוריקגעצויגענער, אַביסעל אַ שעמעוודיגער. האָט ער קיינמאָל נישט געוואַגט אַפילו צו רעדען אַ פרעך וואָרט צו דער דינסט, שוין אָפּגערעדט, אַז ער פלעגט זיך צו איהר קיינמאָל נישט טשעפּען.

אָבער איינמאָל אין אַנ'אויפדערנאַכט, רופט דער טאָקער אַוועק מאָטעלען און ער זאָגט איהם, אַז ער וועט איהם צונויפפיהרען מיט דער דינסט...

און פון דאַן אָן איז שוין אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקעל צייט, און ביידע פריינד, מאָטעלע מיט'ן טאָקער, פלעגען זיך טרעפען מיט דער דינסט...

און די דינסט איז פערגאַנגען אין טראָגען...

צום אומגליק איז זי נישט אַרויסגעקומען מיט לשון אין צייט, ווען מען האָט זיך געקאָנט נאָך אַנ'עצה געבען, נאָר ווען זי איז שוין געווען אין דעם פערטען חודש...

### ביידע פריינד גיבען ביים רב אַ שבועה

די דינסט, אַ דערשראָקענע און אַ פערצווייפעלטע, הויבט אָן פאַר די צוויי פריינד וויינען און קלאָגען. און ביידע פריינד נעמען די שולד וואַרפען איינער אויף'ן אנדערן. איינער זאָגט: „עס איז דיין קינד!", און דער צווייטער זאָגט: „ס'איז דיין קינד!".

און דעם דינסטמיידעל, דער יתומה, איז דערווייל ביטער און פינסטער... וואָס זאָל זי טון? ביידע בחורים טרייסלען זיך אָפּ פון איהר. וויינט זי פאַר'ן טאָקער: האָב מיט מיר חתונה, שטעל אַ חופּה, און זיי אַ טאַטע צום קינד, וואָס וועט קומען. לויפט ער פון איהר אַוועק אַנ'אָפּגעבריהטער. קלאָגט זי פאַר'ן צווייטען, וויל ער מיט איהר אויך נישט חתונה האָבען. הכלל, ס'איז איהר שלעכט מען וועט שוין באַלד אויף איהר דערקענען... און זי וועט נאָך צוליב דעם אָנווערען איהר שטעל, און אַהיים געהן האָט זי נישט צו וועמען, נישט קיין טאַטען און נישט קיין מאַמען... וואָס זאָל זי טון?

איז דאָס אָרימע מיידעל אַוועקגעלאָפען צום רב און האָט פאַר איהם אויפגעהויבען אַ גרויסע יללה: הייליגער רבי, וואָס זאָל איך טון? איך בין אַנ'אָרימע יתומה... און זי דערצעהלט איהם איהר ביטער האַרץ, איהרע גרויסע צרות...

טרייסט זי דער רבי מיט גוטע און ליבע רייד, וויין נישט, טאָכטערשי, וויין נישט. עס איז נישט הפקר פּיעטרושקע, און איך וועל רעדען מיט די צוויי בחורים...

און דער רב האָט באַלד געשיקט דעם שמש רופען מאָטעלע'ן מיט'ן טאָקער צו זיך, אויסצוהערען וואָס זיי האָבען צו זאָגען.

און דאָ ביים רב האָבען זיי יעדער גענומען וואַרפען די שולד איינער אויפ'ן צווייטען. מאָטעלע האָט געזאָגט, אַז דער טאָקער איז דער טאַטע פון דעם קינד, און דער טאָקער האָט געזאָגט, אַז מאָטעלע איז דער טאַטע...

ווען דער רב האָט געזעהן, אַז ער וועט היינט מיט זיי צו קיין שום טאָלק נישט קומען, און אַז קיינער פון זיי וויל בשום אופן נישט חתונה האָבען מיט דער אָרימער יתומה, איז דער רב מיט זיי געקומען צו אַ פשרה:

דאָס מיידעל האָט געזינדיגט מיט צוויי בחורים איז דאָס שוין איהר שטראָף. וואָס קיינער פון זיי וויל מיט איהר נישט חתונה האָבען, אָבער אינגאַנצען קוילען אַ יודישע יתומה, טאָר מען אויך נישט. האָט דער רב גוזר געווען אויף די צוויי בחורים, אַז אויב קיינער פון זיי וויל מיט איהר נישט חתונה האָבען, זאָלען זיי ביידע זיין שותפים צום קינד און זיי ביידע זאָלען עס אויסהאַלטען צוזאַמען מיט דער מוטער, כל זמן זי וועט זיין שוואַך און וועט נישט קאָנען אַרבייטען...

אַז ביידע בחורים האָבען דעם רב געגעבען אַ שבועה, אַז באַלד נאָך דעם טאָג געהען זיי אַוועק און דינגען אַ דירה פאַר דער יתומה, ביז זי וועט איבערקומען די קינפעט און זיך ווידער שטעלען אויף די פיס, און דאָס קינד וועלען זיי ביידע אויסהאַלטען, ביז דאָס מיידעל וועט חתונה האָבען און וועט נישט דאַרפען זייער הילף...

און ביידע, מאָטעל און דער טאָקער, האָבען געהאַלטען וואָרט.

זיי האָבען פאַר דעם מיידעל געדונגען אַ צימער מיט עסען און טרינקען און האָבען פאַר איהר געצאָהלט יעדען חודש [illegible]

עס איז אַוועקגעגאַנגען דער זעקסטער, דער זיבעטער, דער אַכטער חודש און ס'איז געקומען דער נייַנטער...

### ביידע בחורים בלייבען איבער מיט אַ קינד...

די גאַנצע צייט פונ'ם טראָגען איז ס'מיידעל געווען געזונד און שטאַרק. זי איז אויך איבערגעקומען געזונדערהייט דעם קינפעט. אָבער אויפ'ן דריטען טאָג איז איהר צוגעפאַלען אַ בלוט־פערגיפטונג — און זי איז געשטאָרבען...

און ביידע בחורים, מאָטעל מיט'ן טאָקער, זענען איצט געוואָרען „טאַטעס" פון אַ קינד...

דאָס קינד, אַ יונגעלע, האָבען זיי אַוועקגעגעבען צו אַנ'אָרימער פרוי, עס זאָל זיך ביי איהר האָדעווען, און זיי ביידע האָבען פאַר'ן קינד געצאָהלט.

די צייט איז דערווייל נישט געשטאַנען און געוואַרט, נאָר איז זיך געגאַנגען איהר וועג, אין דער אייביגקייט אַריין, און דאָס קינד איז געוואַקסען און איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר, צוויי, דריי, פיר און פינף — און די ביידע „טאַטעס" האָבען פאַר איהם אַלץ געצאָהלט יעדען חודש.

דעם טאָקער איז שוין יאַקבי אַביסעל נמאס געוואָרען צו צאָהלען אַזוי פיל. איז ער שוין געבליבען הינטערשטעליג פאַר אַ פּאָר חדשים און דער גאַנצער עול איז געפאַלען אויף מאָטעל'ען אַליין.

מאָטעלע איז אָבער אַוועקגעגאַנגען צום רב, ביי וועמען זיי ביידע האָבען געגעבען די שבועה, און זיך פערקלאָגט אויף זיין פריינד, דעם טאָקער.

דער רב האָט געשיקט רופען דעם טאָקער, און האָט איהם גוט אויסגעמוסרט, ביז יענער האָט ווידער אָנגעהויבען צאָהלען.

דערווייל זענען ביידע „טאַטעס" געוואָרען חתנים און חתונה געהאַט (פערשטעהט זיך, אַז די ווייבער זייערע האָבען נישט געוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע) און זיי האָבען זיך בעלעבט גליקליך און צופרידען.

יאָהרען זענען אַוועק און די צוויי „טאַטעס" האָבען שוין געהאַט זייערע אייגענע, געזעצליכע קינדער, און זייער „שותפות'דיגער" זוהן איז שוין געגאַנגען אין חדר אַריין לערנען.

געזאָגט האָט מען איהם, אַז זיינע עלטערען זענען געשטאָרבען, ווען ער איז נאָך געווען קליין, און אַפילו אַ רמז פון דעם אמת האָט ער נישט געוואוסט...

פון דער גאַנצער געשיכטע האָט קיינער נישט געוואוסט. אַ חוץ דעם רב מיט די צוויי בחורים, די „טאַטעס"... אַפילו די פרוי, וועלכע האָט גענומען געלט פאַר'ן ערציהען דאָס קינד, האָט אויך נישט געוואוסט דעם אמת, ווייל דאָס געלט, וואָס זי האָט גענומען, איז געגאַנגען דורכ'ן רב'ס הענד. מאָטעלע מיט'ן טאָקער פלעגען דאָס געלט געבען דעם רב און דער רב פלעגט עס איבערגעבען דער פרוי.

דערנאָך האָט דאָס לעבען געבראַכט דערצו, אַז סיי מאָטעלע, און סיי זיין פריינד, דער טאָקער, זאָלען דאַרפען

### אַוועקפאָהרען קיין אַמעריקע
און איבערלאָזען „זייער" קינד אין וואַרשאַ.

צום ערשטען איז פון וואַרשאַ אָפּגעפאָהרען דער טאָקער. פאַר'ן אַוועקפאָהרען האָט ער געגעבען נאָכאַמאָל אַ שבועה דעם רב, אַז ער וועט פון אַמעריקא שיקען זיין חלק געלד. אָבער ער האָט זיין שבועה פערגעסען אַזוי שנעל, ווי ער איז אַוועקגעפאָהרען. ער האָט אַפילו קיין איין בריף נישט געשיקט נישט צו זיין פריינד מאָטעלען און נישט צום רב. האָט מאָטעלע געצאָהלט פאַר ביידע.

אַ ברירה האָט ער געהאַט: לאָזען דאָס קינד הונגערען, האָט ער נישט געהאַט דאָס האַרץ. ער האָט שוין איצט געהאַט אייגענע קינדער, און ער האָט געפיהלט, וואָס אַ קינד מיינט...

די צייטען זענען אָבער ביי מאָטעלען נישט שטענדיג געווען גוט. עס איז ביי איהם געווען אַ צייט, ווען פאַר זיינע אייגענע קינדער האָט ער נישט געהאַט, וואָס זיי האָבען בעדאַרפט — אָבער זיין שבועה האָט מאָטעלע געהאַלטען: יעדען חודש האָט ער צום רב געבראַכט געלד. ער האָט משכנות פערזעצט און זיין וואָרט געהאַלטען.

### עס ווערט ביי איהם קראַנק אַ קינד, דערמאָהנט ער זיך אין דער שבועה

דער רב האָט גוט געזעהן, ווי שווער ס'איז פאַר מאָטעלען נאָכצוקומען יעדען חודש מיט געלד פאַר „זיין" קינד און אַז ער רייסט עס אָפּ פון זיין לעצטען ביסען. האָט ער אַוועקגעשיקט בריף צו בעקאַנטע קיין אַמעריקאַ, אַז זיי זאָלען איהם העלפען אויפזוכען דעם טאָקער. אָבער ער האָט איהם נישט געקאָנט געפינען.

אָבער איינמאָל אין אַנ'ערב פסח, שוין יאָהרען נאָכדעם ווי דער טאָקער איז געהאַט אַוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקאַ, האָט דער רב דערהאַלטען פון איהם אַ בריף מיט געלד (פינף און צוואַנציג דאָלאַר) פופציג רובעל פאַר דעם קינד. און ער האָט דעם רב אַרויסגעשריבען דעם אמת: ער האָט זיך פאַר איהם מודה געווען, אז ער וואָלט זיך נישט געווען דערמאָהנט צו שיקען געלד, אָבער ווינס אַ קינד איז ביי איהם קראַנק געוואָרען, האָט ער זיך דערשראָקען און עס איז איהם באַלד געקומען אויפן געדאַנק, אַפשר וויל איהם גאָט שטראָפען דערפאַר, וואָס ער האַלט נישט זיין שבועה וואָס ער האָט געגעבען. און ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט פון היינט אָן און ווייטער שיקען געלט יעדען חודש.

און ער האָט טאַקע געהאַלטען וואָרט.

שפּעטער איז מאָטעלע אויך אָפּגעפאָהרען קיין אַמעריקאַ. עס איז איהם אין דער פרנסה געוואָרען זעהר שלעכט — האָט איהם זיינער אַ שוואָגער (דעם ווייב'ס אַ ברודער) געשיקט אויף די הוצאות און האָט איהם מיט דער פרוי און צוויי קינדער אַרויסגענומען קיין אַמעריקאַ.

קיין אַדרעס פון זיין פריינד, דעם טאָקער, האָט ער נישט געהאַט, ער האָט נישט געוואוסט זיין וואו ער געפינט זיך. ווייל יענער פלעגט זיין אַדרעס נישט אָנגעבען אויף די בריף צום רב. האָט ער איהם דאָ אַרומגעזוכט וואו נאָר די שטאָט האָט אַנ'עק.

ער האָט איהם געזוכט צווישען די טאָקערס, אָבער אָהן ערפאָלג. ער האָט איהם נישט געפונען. ער האָט געזוכט זיין נאָמען אין אַלע טעלעפאָן־ביכער און ווי ער האָט נאָר געזעהען אַזאַ פאַמיליען־נאָמען ווי יענעמס, האָט ער איהם בעזוכט, אָבער עס איז נישט געווען דער, וועמען ער האָט געזוכט.

און דאָ איז מאָטעלע'ן שוין געגאַנגען סיי גוט, סיי שלעכט. ער האָט שוין געהאַט געלד און האָט עס פערלוירען. און האָט עס שוין ווידער אַמאָל געהאַט. אָבער שטענדיג האָט ער זיין שבועה געהאַלטען און יעדען חודש האָט ער געשיקט געלד קיין וואַרשאַ צום רב פאַר זיין „בשותפות'דיגען" קינד...

און יעדען חודש האָט מאָטעלע פון דעם רב דערהאַלטען אַ קבלה אויפ'ן געלד מיט אַ לאַנגען בריף, וואו ער האָט איהם פאַדראָבנע אַרויסגעשריבען וועגען יהודה'ן (אַזוי הייסט דאָס קינד). וואָס ער טוט און ווי אַזוי עס לעבט זיך איהם. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען ביז'ן יאָהר 1933. דאַן האָט מאָטעלע דערהאַלטען פון רב אַ בריף, אַז ער נעמט פון איהם אַראָפּ די שבועה. דער בריף איז געווען געשריבען אין לשון קודש און ער לייענט זיך אומגעפעהר אַזוי:

### דער בריף פונ'ם רב

„צום ליבען און עהרליכען מענשען מיט'ן גוטען האַרץ, מאָטעלע, ער זאָל לעבען און געזונט זיין מיט זיין גאַנצען בני בית. אמן.

„אייער לעצטען בריף מיט'ן געלד האָב איך ערהאַלטען און איך וויל אייך דאָ מיט פרייד לאָזען וויסען, אַז יהודה נויטיגט זיך מעהר נישט אין אייער געלד. פאַר אייער געלד, וואָס איהר האָט איהם געשיקט, האָט ער אויסגעשטודירט אויף אפטייקער און ער אַרבייט שוין אין אַ־אַפּטייק. ווי איך האָב אייך שוין אין אַ פריהערדיגען בריף געשריבען, האָט מען יהודה'ן גערעדט פיינע שידוכים און ער איז מיט מזל אַ חתן געוואָרען מיט אַ בתולה פון אַ חשוביער פאַמיליע און זיי האָבען איהם געגעבען אַ פיינעם נדן, וואָס אויך אייער אַמעריקאַנער געלט וואָלט עס געקענט בעטרעפען אַנ'ערך פון איבער טויזענד דאָלאַר. אַזוי אַז איהר דאַרפט איהם מעהר נישט שיקען קיין געלט. און איהר דאַרפט זיין שטאָלץ דערמיט, וואָס איהר האָט זיך דאַן נישט אָפּגעזאָגט פון העלפען איהם, וועלכער איז אויסגעוואַקסען אַ פיינער מענש, ווייט שטאָלץ ביי זיך, וואָס איהר האָט מיט אייער הילף געהאָלפען אַ מענשען. און אויב איהר זייט „דאַן" בעגאַנגען אַ זינד, האָט איהר זי שוין לאַנג אויסגעקויפט מיט אייער גוטסקייט און גאָט ברוך הוא וועט זי אייך מכפר זיין, און ער וועט אייך מיט אייער פאַמיליע שיקען פיל געזונד גוטס און הצלחה. אמן סלה".

און ביי מאָטעלע'ן איז דעם רב'ס בריף עד היום בעהאַלטען, און ער האַלט איהם ווי אַנ־אבן טוב.

מאָטעלע האָט מיר דערצעהלט די געשיכטע מיט דער האָפענונג, אַז זיין פריינד, דער טאָקער, וועט זי לייענען, און ער וועט זיך מיט איהם קומען זעהן. ער וויל איהם זעהן, ווי איינער וויל לעבען עס איז איהם גוט און ער דאַרף חלילה נישט קיין הילף פון איהם. מאָטעלע זאָגט דאָ נישט אויס זיין פריינד'ס נאָמען, ווייל טאָמער האַלט עס נאָך זיין פריינד בסוד פון זיין פאַמיליע, און וויל נישט אַז מען זאָל וויסען די גאַנצע געשיכטע.

וואָס איז שייך מאָטעלע'ן, האָט ער שוין פאַר זיין פרוי דערצעהלט דעם גאַנצען אמת, און צי ער איז יאָ שולדיג געווען, צי נישט — איז זי איהם סיי־ווי מוחל.

(סוף)

# די פרוי האט אויסגעגעבען אויף איהם 87 דאלאר,
## האט ער דערפאר געקראגען זעקס חדשים תפיסה

מארק מילער, אַ שעהנער בחור פון 28 יאהר, וואָס זיצט פערשפאַרט אין א שיקאגער געפענגניש, האָט אויפגענומען א רעפאָרטער פון א טאג־צייטונג, און זיך געקלאָגט פאַר איהם: „דער ריכטער האָט מיך גערופען דזשיגאָלאָ, מיך פערזעצט הינטער אייזערנע גראַטעס אויף זעקס חדשים צייט, און נאָר דערפאַר וואָס איך האָב אָנגענומען א מתנה פון א פרוי. די מתנה איז בעשטאַנען אין פינאַנציעלער שטיצע, וואָס האָט בעטראָפען 87 דאלאר מיט 56 סענט."

און די פרוי?

די פרוי איז אַ פערהייראַטע. זי איז קארין סליידער 33 יאָהר אַלט. איהר מאַן איז אַנ'אַרמעע קאַפּיטאַן. דער ריכטער האָט זי געשטעלט אונטער פּראָבע פאַר אַ יאָהר צייט. און אויב זי וועט אין דעמזעלבען שטאָט, אינ'ם משך פון דעם יאָהר ווידער זיין אומגעטריי דעם מאַן איהרען, וועט זי דאַרפען בעצאָהלען דריי הונדערט דאלאַר שטראָף. דאָס מיינט, אַז אויב די פרוי וועט זיין פאַלש דעם מאַן איהרען, וועט דער מאַן מוזן בעצאָהלען די דריי הונדערט דאלאַר שטראָף, וואָרים דערווייל איז זי דאָך נאָך זיין ווייב און ער האָט נאָך קיין גרונט נישט פאַר קיין גט. נאָר ווייב ער וועט יאָ קריגען א גרונט פאַר א גט אין דער שטאָט אילינאָי, וועט ער דאַרפען צאָהלען שטראָף.

וואָס־זשע האָט דער מאַן געטון?

ער האָט געכאַפּט דעם אומגעטרייע ווייב און איז מיט איהר אַנטלאָפען קיין מינעאַפּאָליס, וואו זי וועט איהם קאָנען זיין אומגעטריי און ער וועט נישט דאַרפען צאָהלען קיין שטראָף דערפאַר...

דער יונגערמאַן אָבער (מארק מילער) מוז זיצען 6 חדשים אין געפענגעניש, כאָטש ער האָט נישט געשוואוירען אין קלויסטער, אָדער אין געריכט, אַז ער דאַרף אימיצען געטריי זיין, כאָטש ער האָט צוויי [illegible]

ווען דער קאַפּיטאַן ריטשאַרד ה. סליידער, 39 יאָהר אַלט, האָט געבעטען, אַז מען זאָל איהם לאָזען פאָהרען אויף וואַקאַציע. שוין 4 יאָהר אז ער האָט קיין וואַקאַציע נישט געהאַט. איז ער געווען בערעכטיגט צו 5 וואָכען וואַקאַציע. איידער ער איז אוועקגעפאָהרען, האָט ער אָפּגעפיהרט זיין פרוי קיין שיקאַגאָ צו איהר מוטער און זי דאַרטען איבערגעלאָזט. פאַר'ן געזעגענען האָט ער איהר איבערגעלאָזט 250 דאלאַר, וואָס דאָס מיינט פופציג דאלאַר פאַר יעדער וואָך, וואָס ער וועט מיט איהר נישט זיין.

אין פיר וואָכען אַרום האָט זיך אָבער דער קאַפּיטאַן פערבענקט נאָך זיין ווייבעל און איז צוריקגעקומען צו איהר קיין שיקאַגאָ. ער איז, פערשטעהט זיך, פערפאָהרען גלייך צו דער שוויגער, וואו זיין פרוי געפינט זיך, אָבער ווען ער איז געקומען צו דער שוויגער, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיין ווייב איז נישט נאָר אַוועק פון שטוב אָהן אַ „זייַ געזונט", נאָר האָט אַפילו נישט געפונען פאַר נויטיג צו קומען אָפּנעמען די בריף, וואָס ער האָט איהר געשיקט. אַ טאָג מיט א נאַכט האָט ער זי אַרומגעזוכט איבער שיקאַגאָ און ענדליך זי בעזעהען אַרויסגעהען פון א טעאַטער געאָרעמט מיט מילער'ן.

ער האָט צוגענומען זיין פרוי און איז מיט איהר אַוועק צו איהר מוטער. דאָרטען האָט זי איהם דערציילט, אַז זי איז די גאַנצע צייט געווען מיט איהרע חברטעס און אַז מיט מילער'ן האָט זי זיך ערשט איצט בעקענט. אויפ'ן אַנדערען טאָג האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט דער פרוי זיינער, אַז ער דאַרף אַוועקגעהען צוליב געשעפט. אָבער ער איז אין ערגעץ נישט געגאַנגען. ער האָט זיך געשטעלט וואַרטען און זיך דערוואַרט. ווען די פרוי איז אַרויס אויף דער גאַס, זיך אַריינגעזעצט אין א טאַקסי, דער קאַפּיטאַן האָט זיך באַלד אַריינגעזעצט אין א צווייטער טאַקסי, וואָס איז נאָכגעפאָהרען דער פרוי. [illegible]

פיר מאַנסבילען זענען דערנאָך אַרויף אין יענער וואוינונג. זיי האָבען געטראָפען דאָס זינדיגע פאָרפאָלק אָנגעטון אָנשטענדיג, אָבער אינ'ם הויז האָט מען זיי געזאָגט, אַז אין יענער וואוינונג לעבט אַ פאָרפאָלק, וואָס האָט זיך אָנגעגעבען אַלס מיסעס מאַרק מילער.

נאָך אַ קורצען איבערדייד האָט די פרוי סליידער מודה געווען, אַז זי בעצאָהלט דירה־געלד פאַר מילער'ן.

די פּאָליציי האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און געבראַכט אַלעמען אינ'ם פּאָליציי־הויז.

דער ריכטער טאָמאַס א. גרין האָט אויסגעהערט אַלעמענס טענות, זיך דערוואוסט, אַז מאַרק מילער האָט געוואוינט אין א הויז, וואו די פרוי סליידער האָט געדונגען פאַר איהר מאַנ'ס געלד, און אַז אַ חוץ דעם האָט זי איהם נאָך אַרויסגעהאָלפען מיט מזומנ'ע עטליכע דאָלאַר. דער ריכטער האָט זיך דאַן געווענדעט צו מאַרק מילער מיט אַזאַ מוסר: „דו ביזט א דזשיגאָלאָ מיט וואָנצעלעך; איך וואָלט וועלען וויסען צי די הויזען, וואָס דו טראַגסט, האָסטו אַליין זיך געקויפט, אָדער זיי זענען אויך בעצאָהלט געוואָרען פון עפּעס אַ פרוי? די פרוי סליידער האָט דיר אין די אויגען געזאָגט, אַז זי האָט בעצאָהלט פאַר דיין וואוינונג, אַז זי האָט דיר געקויפט שפּייז, אַז זי האָט דיך איינגעלאַדען קיין שיקאַגאָ. דערביי האָט די פרוי געזאָגט, אַז דער קאַפּיטאַן איז אויך נישט קיין מלאך. דער אמת איז, אַז קיין אַרמעע־מענש איז נישט קיין מלאך, אָבער דאָס גיט קיינעם קיין רעכט נישט נאָכצוטון דער אַרמעע און אויך שיסען מענשען".

און דאַן האָט איהם דער ריכטער פערורטיילט אויף זעקס חדשים געפענגניש. די פרוי האָט ער שטראָפירט מיט דריי הונדערט דאלאַר. דער קאַפּיטאַן [illegible] אונטער פּראָבע אויף א יאהר צייט.

נייער פאלקסבלאט

# דאס לאדזשער לעבען

נייער פאלקסבלאט

מיטוואך, 15 יאנואר — כ׳ טבת תרצ״ו

זון־אויפגאנג 7.26
זון־אונטערגאנג 3.50

## ווי האלט עס מיט דעם נייעם טראמוואי־טאריף?

### מאנטאג וועט די פראגע ענטשידען ווערען. א טראמוואי־בילעט וועט קאסטען 22½ גראשען, אבער דעמאלט ווען מ׳וועט אויסקויפען 2 בילעטען מיטאמאל. חודש־בילעטען און הנחה־בילעטען דער זעלבער פרייז

נעכטען איז פארגעקומען א פערוואלטונגס־זיצונג פון דער לאדזשער טראמוואי־געזעלשאפט, אויף דער זיצונג האט דער שטאט־פרעזידענט אינזש. גלאזעק זיידעראמאל, בעריהרט די פראגע פון רעדוצירען דעם טאריף פון די טראמוואי־בילעטען, דער ענין איז לאנג דיסקוטירט געווארען און ענדליך איז בעשלאסען געווארען, אז אין פערלויף פון דער היינטיגער וואך זאלען פארקומען וועגען דעם ענין ווייטערדיגע אונטערהאנדלונגען צווישען די פארשטעהער פון דער שטאט־פערוואלטונג מיט די פארשטעהער פון דער טראמוואי־געזעלשאפט, די ענדגילטיגע קאנפערענץ וועגען דער פראגע וועט פארקומען קומענדיגען מאנטאג און פון דעמאלט אן וועט שוין פערפליכטען דער נייע־אויסגעארבייטער טאריף.

די פראגע פון רעדוצירען די פרייזען פון די נארמאלע טראמוואי־בילעטען טרעפט אן אויף גרויסע שוועריגקייטען, ווייל מיט׳ן רעדוצירען די דערמאהנטע פרייזען וויל די טראמוואי־דירעקציע העכערען די הנחה פרייזען ווי: חודש בילעטען, ארבייטער־בילעטען און שילער־בילעטען, מאטיווירענדיג, דאס דערמיט וואס די טראמוואי־דירעקציע וועט ליידען א גרויסען היזק. די שטאט־פערוואלטונג וויל אבער דערויף נישט איינגעהן און ווי ס׳זעהט אויס וועלען אלע הנחה־פרייזען בלייבען דיזעלבע ווי ביז איצט, אויך די חודש־בילעטען, וואס שייך די נארמאלע בילעטען וועט ער פרינציפיעל בלייבען דערזעלבער דאס הייסט 25 גראשען, אבער נאר דעמאלט ווען מ׳וועט קויפען איין בילעט, אויב אבער מ׳וועט קויפען מיטאמאל 2 בילעטען וועלען זיי קאסטען נאר 45 גראשען. דער צווייטער בילעט וועט קיינמאל נישט פערלירען זיין גילטיגקייט, די איבערזעצונגס־בילעטען וועלען בלייבען אזוי ווי ביז איצט.

## סטאראסטווע בעאויפטראגט די פאליציי־קאמיסאריאטען

### נישט צו מאכען קיין שוועריגקייטען ביים אפען האלטען די געוועלבער שבת ביז 9 אווענד

נאכדעם ווי ס׳איז ערשינען דאס געזעץ וועגען אפען־האלטען די געוועלבער שבתים און פאר־הגאות־טעג ביז 9 אין אווענד, האבען די לאדזשער פאליציי־קאמיסאריאטען דאס געזעץ אינטערפרעטירט אויף דעם אופן, אז נאר די שפייז־געוועלבער קאנען אפען זיין אין די דערמאהנטע טעג ביז 9, דאגעגען איז דאס געזעץ נישט חל אויף אנדערע געוועלבער.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז א דעלעגאציע פון אויבער־ראט פון די קליינהענדלער־פעראיינען אין לאדז, אין די פערזאנען פון פרעזעס ראזענבערג, פרעזעס דאבושינסקי און דיר. פרעהליך אוועק צום סטאראסטע, כדי אויפצוקלעהרען דעם ענין. נאך א קאנפערענץ ביים ה׳ סטאראסטע און לייטער פון דער אדמיניסטראציע־אפטיילונג ה׳ ד״ר לאנדוי, איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דאס נייע געזעץ איז חל אויף אלע געוועלבער און געשעפטען. דעריבער האט די סטאראסטווע בעאויפטראגט אלע קאמיסאריאטען נישט צו מאכען קיין שוועריגקייטען די אלע געוועלבער און געשעפטען, וועלכע האלטען אפען זייערע אונטערנעמונגען שבת און פאר־הגאות טעג ביז 9 אין אווענד. דעם לעצטען שבת האבען שוין די לאדזשער געוועלבער נישט געהאט קיין שום שוועריגקייטען.

## 5־יאהר פלאן פאר לאדזשער אינוועסטיציעס

### ענדליך בעשלאסען געווארען אויף א סומע פון 30 מיליאן 700 טויזענד זלאטיס

אונטערן פארזיץ פון וויצע־פרעזידענט גאד־לעווסקי איז נעכטען פארגעקומען א זיצונג וועגען דעם 5 יאהר־פלאן פאר אינוועסטיציעס אין לאדז.

די פראגע איז ענדגילטיג פעסטגעשטעלט און בעשטעטיגט געווארען, די אינוועסטיציעס אויף די באהענטסטע 5 יאהר זענען אויסגערעכענט געווארען אויף 30 מיליאן 700 טויזענד, דערפון וועט דער ארבייטס־פאנד, מיט וועלכען ס׳איז שוין געקומען צו א הסכם געבען 11 מיליאן 400 טויזענד זלאטיס, דאס איבריגע געלד וועט די שטאט־פערוואלטונג מוזען נעהמען פון אייגענע קוועלען.

פאר דעם דאזיגען געלד וועט די שטאט דורך די 5 יאהר אדורכפיהרען פאלגענדע אינוועסטיציעס: ווייטערדיגער בוי פון קאנאליזאציע און וואסער־לייטונג, בוי פון בנינים פאר פאלקס־שולען און אויספארטיגען די שוין אנגעהויבענע בויען, רעגולירען די טייכען פון די געביטען, וועלכע ווערען איצט פעראייניגט מיט לאדז (כאיני, ברוס), אויסבויען אן אוטיליזאציע־אנשטאלט (צו פערברענען דאס מיסט וואס ווערט ארויסגענומען פון די לאדזשער מיסקאסטענס), אויסבויען א גרויס דעזינפעקציע־הויז, א באד־אנשטאלט אויף באלוט, נייע בריקען און עפענטליכע קלאזעטען.

## איינגעטונקען אין בלוטיגע ירחוס

### ווער זענען זיי — די ענדעקישע גרויסע אויפטוער?...

מיר, יודען האבען פון די „ענדעקעס״ לעצטענס זעהר פיל צו זינגען און צו זאגען.

אין געוויסע הינזיכטען בעמיהען זיי זיך אין זייער אייפריגקייט, אפילו איבערצושטייגען זייערע דייטשע גענאסען, און עס איז אונז אלעמען גוט בעקאנט די „אידעאלען״ און די „מיטלען״ פון „זייער קאמף״...

עס איז דעריבער טשיקאווע צו דערוויסען זיך, ווער זענען אייגענטליך אט־די קרימינעלע חברה־לייט, און פון וואס׳ערע בעפעלקערונגס־שיכטען זיי רעקרוטירען זיך.

אזוי, למשל, האבען מיר פון א זיכערער קוועלע בעקומען אינפארמאציעס וועגען 2 הויפט־טוער, וואס האבען זיך קונה־שם געווען אין דער שווארץ־מאה׳דיגער ענדעקישער פרעסע, אלס די ריכטיגע מענער אויף די ריכטיגע פלעצער, פון וועלכע די געשיכטע פון פוילען קאן האבען גרויס כבוד און אנזעהן...

היינט, ווער־זשע זענען זיי, די דאזיגע אויפטוער? ווער זענען עס די „העלדען פון דער נאציאנאלער (ענדעקישער) אידעע״?!

לאזט זיך אויס, אז איינער, דער פרעזעס פון דער קאנינער ענדעציע, איגנאצי קורדולעווסקי, וועלכער איז דערהרג׳עט געווארען שיכור׳ערהייט אויף א פייערלעשער־פערווייליגונג, איז א פיל־מאל געשטראפטער קרימינעלער פערברעכער, סקאנדאליסט, מעראריסט, און „וואס אין דער קארט שטייט״, וועלכער איז געווען די געשפענסט פון׳ם גאנצען קאנינער פאוויאט.

דער צווייטער „נאציאנאלער העלד״ פון׳ם „ארגאנדאיוניק״־חדר דער „קארפען־קאפ״ פון דער קאלער קאמפענדער ענדעציע, א געוויסער יאן פארישיאק — א ספעציאליסט פון איינארדענען יודען־שלעגערייען — איז א תנא־בארטעק, וואס האט שוין אויף זיך געהאט 12 געריכטס־אורטיילען פאר דעזערציע פון מיליטער, מערדעריי, רויבעריי, שווינדעל, גנבות, פרוב צו פערגוואלטיגען א.א.וו.

מיט איין ווארט — ס׳איז סאם־סאס!

און נישט אומזיסט גייט איצט ארום א ווערטעל אז די ענדעציע ווערט איצט, נאך דער אמנעסטיע שטארק געהאלפען און געשטארקט ווערען: עס וועלען דאך צוקומען אין איהרע רייהען אזוי פיל בעפרייטע, אזוי פיל „מייכראווסקי׳ס״, „וויטריכאוויטשעס״, „קאסטעטאוויטשעס״ און „נאזשאווסקי׳ס״.

## יאפאן און ענגלאנד האבען געווינען פון די אנטי־איטאליענישע ווירטשאפטליכע סאנקציעס אויפ׳ן לאדזשער מארק

(ג) מיט׳ן מאמענט ווען עס זענען אריין אין קראפט די ווירטשאפטליכע סאנקציעס געגען איטאליען, איז אויפ׳ן לאדזשער מארק פארגעקומען א געוויסע ענדערונג. דאס אפשליסען דעם אימפארט פון איטאליענישען רויהען זייד האט נישט שטארק געטראפען די לאדזשער זייד־אינדוסטריע צוליב פאלגענדע סיבות:

1) אויפ׳ן לאדזשער מארק זענען געווען א סך זאפאסען פון איטאליענישע רוה־שטאפען. די איטאליענער האבען זיך גערעכט אויף די סאנקציעס און האבען דעריבער פארסירט אן׳אינטענסיווען עקספארט פון זיידענס אויפ׳ן לאדזשער מארק בעזונדערס שטארק אין די חדשים, איידער די סאנקציעס זענען אריין אין קראפט, 2) אין דערזעלבער צייט האט זיך ענטוויקעלט דער אומלעגאלער אימפארט פון איטאליענישען זייד, נישט־קוקענדיג אויף די סאנקציעס, 3) עס איז געווען סוף סעזאן און די פראדוקציע האט זיך געהאט אפגעשטעלט.

איצט זענען די אלע דריי פאקטארען אפגעפאלען. קיין זאפאסען זענען מעהר נישט פערהאן, דער אימפארט איז אפגעשטעלט, און מען דארף זיך צוגרייטען צום זומער־סעזאן. די פראגע פון רויה־שטאף פאר דער זיידען־אינדוסטריע וואלט געווען זעהר ערנסט, ווען נישט די אויסלענדישע קאנקורענטען פון איטאליען, און אין דער ערשטער רייה יאפאן, וואס האט נאר געווארט אויפ׳ן מאמענט, צו קענען פערנעהמען דעם איטאליענישען פלאץ. אין שייכות דערמיט וואס דער יאפאנישער זייד האט נישט קיין קאנקורענט, זענען די פרייזען אויפ׳ן דאזיגען רויה־שטאף געשטיגען די לעצטע צייט אויף 8 ביז 10 פראצענט. עס איז כאראקטעריסטיש, אז די סאוויעטישע זייד האט נישט געקענט אויסנוצען די אנטי־איטאליענישע סאנקציעס אויסצוברייטערען דעם עקספארט פון זייד אויף דעם לאדזשער מארק. די סיבה איז וואס די קוואליטעט פון סאוויעטישען זייד איז זעהר א נידריגע, און קען דעריבער פערנוצט ווערען נאר צו ביליגע ארטיקלען.

אויפ׳ן מארק פון קינסטליכע זייד האט די לאגע אויסגענוצט ענגלאנד, וועלכע האט בעוויזען צו פערנעהמען פולשטענדיג דאס ארט פון איטאליען. ענגלאנד האט אנגעהויבען צו ערטיילען קרעדיטען אויף דעם ארטיקעל.

Dr. med.
HALTRECHT
ספעציעל־ארצט פאר הויט־, געשלעכטס־קראנקהייטען און מענער־שוועכע
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
נעהמט אן פון 8 פריה ביז 2 מיטאג און פון 5 ביז 9 אוו.
זונטאג פון 10—1 בייטאג. אלע ארט אנאליזען
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזן
א ספעציעלער ווארטע־זאל פאר פרויען.

טעאטער „ראזמאיטאשטשי״, ציגעל־גאס 27.
דיר.: דוד צעלמייסטער.
היינט, מיטוואך, 9 אוונט — צום 36־טען מאל
יצחק נאזשיק׳ס פרייליכע סאטירע
תל־אביב
געשפילט אויף יודיש
בילעטען פון 11—2 און פון 5 נ״מ צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער „ראזמאיטאשטשי״

## דעם 1 פעברואר
### [ד]ער נאמענס־טאג פון מלוכה־פרעזידענט

(א) דעם 1 פעברואר פאלט אויס דער נאמענס־[טאג] פון׳ם מלוכה־פרעזידענט איגנאצי מאשטשיצקי. אין שייכות דערמיט האט דער שול־אינספעק[טאר] [...]אט ארויסגעגעבען אן׳ענטשפרעכענדען צירקו[לאר], [...]לויט וועלכען די שול־יוגענד וועט דעם טאג [...] אויף גאטעסדינסטען אין די געבעט־הייזער, [...]איבעררייסענדיג אין דעם טאג די לימודים. [...] אין דעם טאג וועלען אויך אין די שולען פאר[...] [...]ן געלעגענהייטס־אקאדעמיעס.

## ווענען די שטראפען
### [...]ר נישט איינגעמעלדען צו דער צייט [...]דער „אובעזפיעטשאלניע״. א.א.וו.

(א) עס ווערט אויפגעקלעהרט, אז אויף שטרא[פען] [...] וואס זענען ארויפגעלייגט געווארען דערפאר, [...] ארבייטער אדער בעאמטע זענען נישט אנ[געמ]ע[...]לדען געווארען צום טערמין אין דער „אובעזפ[יעטש]אלניע״, איז חל די אמנעסטיע.
[...] דאגעגען וועלען די שטראפען פאר׳ן איינ[צאל]ען די סומען, וואס זענען אראפגעצויגען גע[...] [...]ן פון די ארבייטער־לוינען — איינגעמאהנט [...]ן צוזאמען מיט די פראצענטער.

## צוגאב־פאבאר־קאמיסיע

(א) היינט, מיטוואך, דעם 15 ד. ח. אמטירט [...]לאקאל אויף פעטריקאווער 165 פון 8 א זייגער [...] אינדערפריה א פאבאר־קאמיסיע פאר לאדז [...]ס 1.

## [...]טראלירט די פאבאר־דשימות

(א) פון 2טען ביזן 16טען יאנואר 1936, וועלען [...]מיליטערישען ביורא ביי דער שטאט פערוואלטונג [...]יקאווער 165, אין די ביורא שעה׳ן אויסגעלעגט [...]ן די רשימות פון די פאבארווע פון יאהרגאנג [...]

[...]י פעראינטערעסירטע פאבאראווע דארפען קאנ[טרא]לירען די ריכטיגקייט פון דער רעגיסטראציע [...] אויב זיי וועלען בעמערקען א פעהלער אדער [...]ינקטליכקייט דארף מען וועגן דעם באלד מעלדען [...]

## אפטייקען.
### היינטיגע נאכט - דיזשורען

(א) היינט בייגאכט דיזשורירען פאלגענדע אפ[טייקען]: דאנצער, זגערזשער 54; גראשקאווסקי, 11 [...]אפאד 15; גארפיין, פילסודסקיעגא 54; כאנ[...] [...]סקי, פעטריקאווער 165; רעמבעלינסקי. אנ[...] [...]א 28; שימאנסקי, פזשענרזעלניאנא 75.

## [...] דער אויפמערקזאמקייט!

[...]ווי מיר דערוויסען זיך געבען זיך אן 2 מענשען [...] שטאט: א געוויסער קרעשאוו און אויך איינער [...]נקעל. אז זיי האבען א שייכות מיט אונזער פער[...] קרעשאוו זאל אלס כלומר׳שטער מיטארבייטער [...]אונזער אדמיניסטראציע קלייבען אנאנסען און [...] צווייטער גיט זיך אן אלס אונזער מיטארביי[טער] [...]נ. פראנק מיר ערקלעהרען דעריבער, אז די [...] האבען נישט קיין שום שייכות מיט אונזער [...]לאג און רעדאקציע.

KINO TEATR
MIRAŻ
11 LISTOPADA 16
היינט פרעמיערע!
פילם פון דער נייעסטער סאוויעטישער פראדוקציע א. נ.
גאלדענער מייך
אויסערן פראגראם:
קלאנג־צוגאבען פון Paramount
פון P.A.T.

זאַל פילהאַרמאָניע טעל. 213-84.

סאָוויעטישער גאַסט אין לאָדז! דאָנערשטאָג, דעם 16-טען יאַנואַר 1936, 8.30 אין אָוונד
נור 1 מאָל קאָנצערטירט דער בעקאַנטער סאָוויעטישער פּיאַניסט

**Grzegorz GINZBURG**

לאַורעאַט פון 1-טען אינטערנאַציאָנאַלן קאָנקורס א.נ. פון שאָפּען. בילעטען פון 1 זל. ביז 6 זל. צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע.


# לאָדז, וואַרשאַ און ניו-יאָרק

## דאָ ווערט דערצעהלט א שפּאַנענדע פּאַסירונג

אין ניו-יאָרקער „טאָג“ איז פערעפענטליכט פאָלגענדע שטוינענדע פּאַסירונג פון וועלכע דער אָנהויב שטאַמט פון לאָדז:

איך האָב זיך שוין אין מיין לעבען אָנגעהערט א סך שטוינענדע און מערקווירדיגע געשיכטעס פון מענשען וואָס האָבען האָס אַלעס אַליין דורכגעלעבט. פונדעסטוועגען ווען מ'האָט מיר דערצעהלט אַט די דאָזיגע געשיכטע וואָס איך גיה פאַר איך דאָ דערצעהלען בין איך געזעסען פערגאַפט און מיר האָט זיך געדוכט אַז דאָס לייענט מען מיר אַרויס פון א ראָמאַן, אָדער פון „טויזענט און איין נאַכט מעשיות“ — אַזוי פערכאַפּט און מיטגעריסען בין איך געוואָרען פון דעם וואָס איך האָב געהערט און אָט הערט אויך די דאָזיגע געשיכטע:

### זיינע עלטערען האָבען איהם איבערגעלאָזט אין אַ לאָדזער הקדש

אין לאָדזער הקדש האָט זיך דאָן גע'ריעשט און בריט געזאָגט, ווי אין א קעסעל, צווישען די צוגעלייגער און צעבראָכענע בעטלער און קבצנים וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען — דורכגעהער און תושבים — זענען אויך געווען דאָרט א פּאָרפאָלק נאָך גאָר יונגע מענשען, וועלכע האָבען מיט זיך מיטגעשלעפּט זייערס א קינד, א יונגעלע פון אַרום זעקס-זיבען יאָהר, און טאַקע דורך דעם יונגעלע האָבען זיי געצויגען זייער חיונה. דאָס יונגעלע האָט געהאַט א „קול-נגינה“ און ווען ער האָט געזונגען האָבען זיך מענשען געמוזט אָפּשטעלען און הערען — אַזאַ האַרציגע שטימע האָט ער געהאַט.

זיי פלעגען אַרומגעהן אַלע דריי איבער די לאָדזער גאַסען; דער פאָטער מיט א קאַטערינקע, די מוטער מיט א רויטער פּאַטשיילע צוזאַמענצוקלייבען די מטבעות און זייער זוהנדעלע פלעגט זינגען.

א גאַנצען טאָג פלעגט די אומגליקליכע פאַמיליע פון דריי אַרומגעהן און קלייבען נדבות, און ביי נאַכט פלעגען זיי קומען שלאָפען אין הקדש.

אַזוי חדשים לאַנג, ביז נאָמען האָט זיי קיינער נישט געקענט און מען האָט נישט געוואוסט פון וואַנען זיי זענען געקומען א חוץ דעם וואָס דאָס יונגעלע פלעגט ציהען אויף די גאַסען די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין זינגען האָט זיך קיינער מיט זיי נישט אינטערעסירט..

ביז איינמאָל האָט געטראָפען און די שטאָט איז געגאַנגען טאַרהאַראַם: אין הקדש האָט מען געפונען


PRYWATNE
Pogotowie Lekarskie
Telefon 12-333
Legjonów 6 (Zielona)
טעטיג אָהן איבעררייס אַ גאַנצען מעת - לעת
גיכע ערצטליכע הילף אין אַלע ספּעציאַליטעטען


דאָס פּאָרפאָלק א פערסמטע אויף טויט און לעבען זיי איז געלעגען א בריף אין וועלכען זיי האָבען געבעטען די יודען בני רחמנים פון שטאָט אַז זיי זאָלען נישט לאָזען א תל ווערען פון זייער בן יחידל מאָטעלע (אַזוי האָט זייער זוהן געהייסען).

און מאָטעלען האָט מען טאַקע נישט געלאָזט פערפאַלען ווערען עס האָבען זיך געפונען צווישען די לאָדזער יודען א סך וואָס האָבען געוואָלט פערדינען די מצוה פון אכסנוג צו געבען אויף אַן'אומגליקליכען יתום, און מען האָט זיך ממש איבער איהם געריסען.

אָבער די חזקה אויף איהם האָט גע'ירשנ'ט א חזן א בעלי תפילה, וואָס האָט זיך אונטערגענומען פון מאָטעלען צו מאַכען א כלי, א קול האָט דאָך מאָטעלע געהאַט — א חיות צו הערען, האָט איהם דער חזן געלערנט צו זיין א משורר.

אַזוי איז מאָטעלע געוואַקסען ביים לאָדזער בעל-תפילה כאָטש אין קיין איבריגען „ראָסקאָש“ אָבער אַליין בעסער ווי אין א הקדש און אַרומצוגעהן איבער די גאַסען און זינגען...

מאָטעלע איז פון קליינערהייט אָן געווען א צאַרטער אָהן א פיין-פיהלענדער און ער איז בעזעסען אַן איידעלע נשמה אָהן ביים בעל תפילה אין הויז האָט מען איהם ליב געהאַט, ווי אַן'אייגען קינד.

מאָטעלע איז אַלט געוואָרען אכט יאָהר, ניין און צעהן — און איבער דער גאַנצער שטאָט האָט מען איהם שוין געקענט צוליב זיין גוטען זינגען, אַז מאָטעלע פלעגט זיך א נאָרגעל טון ראש השנה אין שוהל ביים „כבקרת רועה עדרו“ האָבען ווייבער געוויינט און געכליפּעט און ימים טרעהרען האָבען זיך ביי זיי געגאָסען.

### ער ווערט קראַנק און ווערט אָן זיין שטימע.

אַלע, וואָס האָבען מאָטעלען געהערט זינגען האָבען געזאָגט אַז פון איהם וועט אויסוואַקסען אַמאָל א גרויסער און בעריהמטער חזן. ווען עס פלעגט קומען פאַר יום טוב פלעגען אַנדערע חזנים מאָטעלען פאַרשלאָגען גרויסע סומען געלד, ער זאָל ביי זיי זינגען, אָבער מאָטעלע האָט נישט פערגעסען אין דעם גוטס וואָס דער אָרימער חזן הט פאַר איהם געטון דאָן ווען ער האָט איהם באַלד נאָך זיינע עלטערענס טויט אַרויסגענומען פונם הקדש האָט ער ביי קיינעם נישט געוואָלט זינגען, א חוץ ביי איהם ביים בעל-תפילה וועלכער איז צו איהם געווען ווי א פאָטער.

